STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04857

A SHPUR OYFN VEG

Motl Saktzier

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Benjamin Nemser
in memory of
Arthur Nemser

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאטל סאַקציער

א שפּור אויפן וועג

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות
ע"ש יהושע רבינוביץ
און יידישן ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאראיין אין ישראל

מאָטל סאַקציער

אַ שפּור אויפן וועג

ה. לייוויק - פאַרלאַג
ביים פאַראיין פון יידישע שרייבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

MOTL SAKTZIER
A SHPUR OIFN WEG

מאטל סאקציער
א שפור אויפן וועג

ה. לייוויק־פארלאג
ביים פאראיין פון יידישע שרייבער
און זשורנאליסטן אין ישראל

נדפס בישראל תשמ״ז
Printed in Israel 1986

דפוס א. גרינשטיין, טל. 25 14 83־03, ת״א

סויקעלען —

וואס אין צייט

ווען מ'האט אונדז געשענדט

מיט אלע טארטורן־כלים פון חקירה,

און געשונדן דאס לייב און געברענט,

האט זי אין מיינע הענט

אונטערגעהאלטן די זעקסטרוניקע לירע...

מה טובו

דרײַסיק ליכטיאָר

דרײַסיק ליכטיאָר
איז לאַנג געווען די טראַסע
פון יענער אַנדערער פּלאַנעטע
צו מײַן טרוים,
צו אים כ׳האָב אין די יאָרן שפּעטע
זיך דורכגעריסן קוים.

און אָט — בײַם תיכון־זוים,
אויף דער נשמה און דעם לײַב
מיט צייכנס פון די רשעות־קונעס,
אין גליזאַמד צווישן דיונעס
איך קריך אַצינד אַרום,
אויף סטעזשקעלער צו סודותפולע היילן
וווּ אויף יעדן שפּאַן
די שפּורן מיר דערציילן
פון מײַן אַמאָליק שיינעם רום.

ס׳איז וואָר. ס׳איז וואָר,
כ׳בין זיך ניט טועה,
דאָס איז די לאַנדשאַפט פון מײַן היים.
פון איר געחלומט כ׳האָב געהיים,
וווּ דעם טעם איך פיל איצט פון איר ליים
אויף לאַנען אויפגעאַקערט־רויע,
און כ׳שעפּ דאָס אויג אָן מיט די בלויע
הימלען, אָפּגעשפּיגלטע
אין אונדזער צאַרטער פּאָן,

נאָך יענעם ביטערן נסיון,
טו איך זיך דער היים געטרויען.
הער, אין מיר נאָך יונגע כוחות בראַיען,
אַ צווייטע סדרה פון מײַן לעבן
הייבט זיך אין פריידן אָן!

מיר זענען יונג געווען

מיר זענען יונג געווען, יונג אומפֿאַרשעמט,
אונדז האָט ניט געאַרט וואָס אַ העמד
ניט געהאַט האָבן אָפּט מיר צו טוישן,
און קיין שיסעלע שיטערן זופּ אָנצופּווישן
דעם אײַנגעפֿאַלענעם בויך.

מיר זענען יונג געווען און ס׳האָט הויך
אונדז געטראָגן איין ברעניקער ווילן,
געשטויסן איין פֿלאַמיקער דראַנג,
מוטיק די ראָלן צו שפּילן
וואָס צוגעטיילט אונדז
ס׳האָט דאָס לעבן אין גאַנג,
און דורך אַלע צײַט־באַריערן,
מעג דער וועג זײַן ווי לאַנג
און פֿאַרדרייט,
זיך דערשלאָגן זײַן גרייט
ביז דער גרענעץ פֿון חלום,
פֿון וואָרט און פֿון לאַנד
וואָס אויך אונדז וועט געהערן,
ווו מיר וועלן אַ טייל
פֿון דער אייביקייט ווערן,
וואָס פֿלאַטערט איבער דער באַרגיקער קייט,
און איבער די לאַנען די גרינע,
און אַ טייל אויך פֿון דער פֿרייד
וואָס טוט דאָ אַלץ אַ פֿאַרכלינע.

די פרייד וואָס נישט לײַכט
האָט דעם מענטש זיך געגעבן,
און אַ טייל אויך פון וויי
וואָס איז מיט דער ערד אומצעשיידט —
און לעבן! און לעבן!

אין אָפּשייד־שעה

אין אָפּשייד־שעה
האָב איך צו דיר זיך ניט געבוקט,
אויף צוריק, אַהינטער ניט געקוקט
מיט אויגן פון באַדויער פּײַכטע,
כדי פאַרזיגלען אין געדעכעניש דײַן מינדסטן שטריך.

דורכן פענצטער פון וואַגאָן האָב איך
אַרויסגעוואָרפן די טלומיקעס ניט לײַכטע,
מיט דערמאָנונגען, ווי פּעק מיט אַלטע בריוו
וואָס וועקן ניט פאַרהיילטע וווּנדן,
און ווי אין ים מע וואַרפט אַרויס פון שיף
אַ לאַסט, וואָס ציט זי צו די שלונדן,
אַלץ מיט וואָס געוועזן כ׳בין דאָרט געבונדן
איבערגעלאָזט, און מיטגענומען נאָר
די פאַראיבלען שווערע פון מײַן דור,
און די אַלטע קריוודע און פאַרדראָסן
פון אַ ייד.

די בלויקייט וואָס דו זעסט אַצינד צעגאָסן
איבער מיר — דעם קאָליר פון פריד,
די שטראַלן צווישן ערד און הימל
ווי סטרונעס אָנגעצויגן,
וואָס קלינגען אַרײַן איצט אין מײַן ליד,
זיך אויסגעגליט
זיי האָבן דאָך אין מײַנע אויגן,
אין דער זינגענדיקער גיסערײַ פון מײַן געמיט.

אין מײַן שטוב אויף דער וואַנט

אין מײַן שטוב אויף דער וואַנט
הענגט פון מײַן ברעקעלע לאַנד
די פאַרביקע קאַרטע,
מיט דער נעץ פון וועגן
ווי די קנייטשן אויף שטיינהאַקערס האַנט
די אויסגעהאָרוועט־האַרטע,
מיט די שײנקייטן אומדערוואַרטע,
מיט וועלכע איך הײַנט דאָ מיך קוויק.

איך און מײַן פרוי אין יעדער וועטער,
ווי צוויי באַזעסענע גלאָבוס־טרעטער
שפּאַנען עס אויס מיטן בליק.

פון די פרוכטיקע לאַנען די זאַטע,
ווו עס שפּילט זײַן אָסיען־סאָנאַטע
דער ריזן־קאָמבײַן
ווי אַ פליגל־קלאַוויר,
פאַרבײַ דער שפּיגלדיק־שײנער כנרת
דער וווּנדער־אַקוואַריום
אין די ברעגעס פאַלירטן געשיר
און ביזן חרמון
וואָס אין די שנייִקע בערעס,
צום הימל פאַרדערעט זײַן קאָפּ
אין ווײַסן באַשליק —
אַלץ געהער מיר,
פאַר מײַן גליק.

מיר קלעטערן אויף די קיזל־סקאַלעס
מיט נשמות פולע התפעלות.
מיר קריכן מיט צעדראַפּעטע פיס
אין היילן אַרײַן וווּ מורדים פאַרטײַעט
האָבן אַמאָל זיך געוויס,
די קעמפער פאַר פרײַהײַט —
מיט שטיין, מיט פײַל און מיט שפּיז.

אַלע לויטער־בלעזלדיקע קוואַלן,
אַלע זידנדיקע וואַסערפאַלן
אויף אונדזער מאַרשרוט
רוישן אַרײַן אין מײַן בלוט,
שפּילן אַרײַן אין מײַנע סטראָפן,
אַלץ וואָס האָט אַמאָל דאָ געטראָפן
און טרעפט אויך אַצינד
ווי מיט דער שוואַרצערד דער קערן
מיט מײַן האַרץ זיך פאַרבינדט.

לייג צו דעם אויער וועסטו הערן
ווי שפּראָצן דאָס ליד שוין באַגינט.

דערינערונגס־פּיין

אַהיימגעקומען
בין איך שוין לאַנג פֿונעם וואָגל,
פֿון יענעם פֿאַרשאָלטענעם דאָרט,
ווי מ׳האָט מיר אכזריש
אָפּגעבראָכן דעם נאָגל,
מיט אים כ׳האָב מײַן מילד
און פֿאַרדאַמענדיק וואָרט
פֿון אַ צו שטומקייט פֿאַרמשפּטן זינגער
אויף שטיין אויסגעקריצט,
אויף דער וואַנט,
און ס׳האָט פֿונעם קריצן דער פֿינגער
זיך צעאײַטערט אין בראַנד.

פֿון לאַנג אומגעקערט
פֿון יענער וועלט, פֿון דער צווייטער,
ווו דער טויט איז געווען מײַן באַגלייטער.
ביי דער אַרבעט, בײַם שייטער,
און אין שלאָף אויך בײַנאַכט
האָט ער מײַן אָטעם באַוואַכט,
געטשאָטעט אויף מיר
אין אויגן מיט רוצחישן גלאַנץ.

מיטן גוף, דער נשמה
אַרויסגעריסן פֿון דאָרט
כ׳האָב זיך גאַנץ,

כאָטש אויף מײַן שטערן
זענען קאַנטיק מיסתּמא
סימנים פֿון דערנערס שטעכיקן קראַנץ.
נאָר פֿון דעם גרױלן־קאַפּיטל,
ווי שטאַרק כ׳זאָל ניט װעלן פֿאַרשווינדן,
מיר גײט זיך ניט אײַן.
עס איז אַזאַ כּשופֿדיק מיטל
ביז הײַנט
נאָך ניט געוואָרן דערפֿינדן
וואָס פֿאַרטױבן מסוגל זאָל זײַן
דעם דערינערונג־פּײַן.

די ערשטע

נאָך גייען צווישן אונז אַרום,
געהילט אין שטראַלן־קרוין פון רום.
עמעצער פון יענע ערשטע,
געקומענע אַמאָל פון אומעטום.
פון אַ היים־חלום באַהערשטע.

קנאַביקע, גריַיז־גראָע לײַט —
וואָס ווייסט פון זיי הײַנט דער פאַרבײַט,
דער צווייטער דור, דער דריטער,
וועגן זיי און יענער צײַט,
און וועגן יענע גיטער,

אויף שטיינער־בערג, אויף גרינעם לאַן,
און ווו נאָר טוסט אין לאַנד אַ שפּאַן
מיט וועלכן מיר זיך רימען,
ווו אומעטום פון זיי פאַראַן
אַ שפּור איז און אַ סימן ?

שטילע, פּראָסטע, אומבאַקאַנט,
זיי גייען אום ווי בײַ דעם ראַנד —
לעגענדעס וווּנדיקע און מיפן ; —
געבליבן עפּעס איז אין לאַנד
פון טרוים, פון די באַגריפן,

מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט,
און אין דמיון אויסגעקלעפט
אַ וועלט פון גליק פון עכטן, —

באַגריפֿן וואָס מיט זיך געשלעפּט
אין הײַנט אַרײַן, פֿון נעכטן ?

כ'טרעף אָפּט זיי ווען די זון פֿאַרגייט
אין סעדל זיצן שטילערהייט,
און אין דער גאַנצער סביבה
שטראַלט אויס פֿון זיי און זיך צעשפּרייט
אויף מענטש, אויף בוים, אויף בלומען־בייט,
אַ וואַרעמקייט
אַ ראַדיאָ־אַקטיווע.

אַרכעאָלאָגן

פאַרזיכטיק,
ווי פון מפּולת מיט בראָכוואַרג פאַרשיט,
שלעפּט מען אַרויס אַ קינד
אים ניט אָנטאָן קיין שאָדן,
קראַצט מען דעם עבר אַרויס
וואָס האָט זיך פאַרהיט
אין דעם פאַרשטיינערטן שויס פונעם באָדן.

מיר קוקן זיך איַין אין זיַין מינדסטן שניט
און פרייען זיך אין זיַין ליַיב צו געפינען
די שפּורן פון וויַיטע אורזיידעם טריט
פאַרזיגלטע דאָ אין קדמונים־באַגינען.

געאַקערט האָבן זיי דאָ, געזייט און געיעט,
אין וויַינשטאָקן־שאָטן גערוט,
דאָ געשאַרפט זייערע שפּיזן,
דאָ האָבן מיט גאָט זיי ווי מיט אַ שכן גערעדט,
און מלאכים געגעבן אושפּיזין;

אויף פעלדזנס, פון ווינטן געשליפענע קערק
דעם איילבירט געפלאַנצט און דעם אייכל,
און שטיינער געהאַקט פאַר די טעמפּלען —
פרעכטיקע ווערק,
דענקמאָלס פון שיינקייט
און אינזשעניערישן שכל.

פון גליזאַמד אין נגב ביזן שפּיץ פון חרמון
מע גראַבלט אויס זיי אַצינד
ווי פּאַמפּיי פון דער לאַווע,
און פון דער שיינקייט פולט די נשמה זיך אָן
מיט בענקשאַפט, באַדויער און גאַווה.

אין די זוכערס נייגעריקע הענט
גיט איבער איר סוד
יעדער הייל,
יעדע אימהדיק־פינצטערע נאָרע,
און די ווײַטקייט צו אונדז
מיט איר כשוף געגענט,
מיט אַמאָל־סמנים שרײַענדיק־וואָרע,

און פון נביא די זעונג
טוט אונדז הײַנטיק אַ פלאַם,
און פון מורדים דער רוף
קעגן פרעמדלענדישער שררה,
און פון לוויִים גייט אויף ווי דער רויש פון ים
דאָס הללויה־געזאַנג דאָס פּאָרכטיק־מאַזשאָרע.

די ערד לאָזט גריבלען זיך אין איר טיף
די איידעלע זוכער
געפירטע פון פלאַמיקן אייפער,

זי עפּנט אויף זיך פֿאַר זיי —
אַ קדמונים־אַרכיוו,
און די אוראײיניקס אים זי פּאַרטרויט —
פֿון יחוס אַ בריוו —
וואָס זאָל זיי געבן כח און שטאָלץ
בײַצושטיין יעדן גיריקן גריף
אין אָט דער וועלט פֿון שנאה צעריסענער,
טריפֿער.

איך וועל בלײַבן שויף דאָ

איך וועל שוין אין ערגעץ
ניט אַוועקגיין פון דאַנען, מײַן ערד,
שוין אויסגעלאָשן די לײַדנשאַפט איז
וואָס האָט מיך יינגווײַז פאַרצערט,
אין עקזאָטישע לענדער געצויגן,
אין רײַזעס פאַנטאַסטישע
פול אַוואַנטורעס.
איך וועל בלײַבן שוין דאָ
מיט דעם גאָלדענעם זאַמד,
מיט דעם פויגל וואָס זיך
אין נאַכטיקן הימל פאַרזאַמט,
מיט די שרצים, די חיהלער היגע
מיט די אויסטערליש־קאָמישע צורות.

מעג זײַן די פאַרלאָקונג ווי גרויס
וועל איך שוין צו וואָגל און וואַנדער
פון דאַנען אין ערגעץ ניט גיין,
איך דאַרף קיין לאַנד ניט, קיין אַנדער.
איך האָב ליב די צברא־געוויקטן לענגאויס
די שאָסייען, און דעם אַלעאַנדער
(צוויי ביימער אַזעלכע געווען
אין מײַן עלטערן־הויז,
און כ׳האָב ניט געוווּסט אַז פון דאַנען
זייער שיינער יחוס זיך ציט)
און כ׳האָב ליב די ריחות פון ציטרוסן־צוויט
וואָס ס׳דעמפן אויס אויף בערג און לאַנען

די סעדער בײַוועגנס וואָס געדענקען שוין ניט
דעם איינטאָניקן פלאַפּל פון גלעקל
אויף העלדזער פון קעמל־קאַראַוואַנען,
וואָס פלעגן פּאַרנודעט דאָ שפּאַנען
מיט משא אויף האָרבן אין נאָענטער שטאָט.

דאָ שפּאַרט די געשיכטע אַרויס
אויף יעטוועדן טראָט,
און נאָך ניט אַנטריגלטער סוד,
און מגילות פון פּײַן און גבורה,
און אָפּט וויל זיך טאָן אַ פּאַרנורע
דאָס געזיכט אין דער ערד
ווי אין וואַרעמען שויס פון מײַן ליבער
אויף וועלכן כ׳האָב שלווה געפינען באַגערט
אין פּרוּוו־שעה גורלדיק־טריבער.

פרי־פרילינג

עפּעס פֿאַר דער צײַט
און ניט לויט די תקנות.
האָט די זון געטאָן אַ ברי
אין אַן אויפגעשפּאַנטן טאָנוס,
גלײַך אומגערן עס האָט ווער
צום הויכן דרוק
דעם הייבער אויפֿן פּולט געטאָן אַ רוק
אויף איר כּוח־גענעראַטאָר . . .

און אין דער פֿרי איך טו אַ קוק
גלײַך די האַנט ט׳האָט צוגעלייגט
אַ מכשף־דעקאָראַטאָר,
אויפֿן גאַנצן שטח מיט אַ פּלאַטער —
אַ קאַמילן־ים זיך וויגט,
אַ וווּנדער־טעפּיך איבער נאַכט
האָט זיך צעוויקלט,
און אַ זינגערל אַנטציקט
זיך גאָרגלט און זיך ציקלט
אויף אַ בוים אין צווײַט.

טועה זיך געווען צי ניט
די וועטער־פּירזאָגער — דער עיקר,
שוין ניטאָ איז קיין צוריקקער
פֿאַרן פֿרילינג וואָס פֿאַרשייט
האָט דורכגעהיפּט די גרענעץ־קייט,
ער זיך אײַלט פֿון זונשײַן־שכּור,

מיט דער צײַט אין אַ פּאַרוועט.
סאַראַ קאָכעניש — איר זעט ?
קנאָספּן פּלאַצן אויף די צווײַגן,
בראָיען טוט שוין און אויך שטײַגן
אין דער פּלאַנצן־וועלט דער מעד,
און פון שרצים אַן ערד־טרעטעניש,
אַ זידעניש, אַ קנעטעניש,

זקנים זאָגן אַז עס וועט
הײַאָר זײַן אַ גרויס גערעטעניש.

אַוודאי וואָלט איך וועלן

אַוודאי וואָלט איך וועלן
אַז פון שלווה דער פליגל
זאָל רוען אויף יעדן היגל
פון אונדזער קליינינקער היים,
אויפן כנרת־שפּיגל,
און אויפן רויטלעכן ליים,
וואָס מיט זײַן שווייס
מאַכט עס פּרוכטיק דער פּויער;
אַוודאי וואָלט איך וועלן
אַז אין קיינעמס ניט הויז
זאָל ווי אַ פלעדערמויז
ניט פּאַרפליען דער טרויער;
און די עופּעלעך אויפן שויס
פון די שוואַרצחניקע מאַמעס
פּרוזשיניק־ספּאָרטיווע,
זאָלן פאַריתומט ניט ווערן,
זיי זאָלן זיך מערן
חוצפּהדיק־דרייסטע,
בײַסיקע ווי די קראַפּיווע,
קלוגע, צום לעבן פול גיר,
און וואַקסן (ניט אַזוי ווי מיר
מיט מינדערקנויל אין געמיטער,
אין פּחד־קלעם און אין ציטער
פאַר יעדן פאַרקאָלטנטן הונט)
און וואָרצלען זאָלן זיי שלאָגן אין גרונט,
טיף, מיט דער ערד אין אומצעשטערלעכן בונד

און מיט אויסדויער־קראַפט
אין יעדן געוויטער.

אַוודאי וואָלט איך וועלן
אַז דאָס וואָס איז ניט געפעלן
בײַ אונדז, וואָס פֿאַרדריסט
און מיר טוען פֿאַרדאַמען,
ווי גאָרניט פֿון יידישן שניט,
זאָל ווי סרחיקע סמען
אויסגעדעמפט ווערן
פֿון אונדזער מיט.

אָבער די דאָזיקע טעמע
גאָרניט באַקוועמע
שליסט זיך ניט אײַן אין די ראַמען
פֿון מײַן הײַנטיקער ליד.

מה טובו

באַלד בײַ מײַן הויז,
ווי אַריבער דער שוועל
דעם פוס נאָר איך שטעל,
פֿאַל איך אַרײַן ביז די קנעכל
אין זאַמדן צעגליטע
וואָס שפּרייטן זיך העט, אָן אַן ענד.

ס׳האָבן אַהער די הענט די געניטע
נאָך ניט געגרייכט, די גאָלדענע הענט
פֿון די ווײַנשטאָקן־פֿלאַנצער,
און פֿלאַנצער פֿון ציפּריסן־וואַלד.
נאָר נאָענט, אויף שליאַכן אין פּאַנצער
פֿון גראָען אַספֿאַלט,
שאַלט און עס קנאַלט
און מיט קאָפּשווינדל־שנעלקייט
די ווײַטקייט צעפּראַלט
דאָס יאָרהונדערט,
דער מײַלן־פֿאַרשלינגער.

צו זײַן רויש און געפּלויש
און זײַן היפּן איך לויש
פֿון מײַן שוועל — איך, דער זינגער,
ווען פֿון מײַן הויז
כ׳גיי אין אָוונט אַרויס
נאָך חמסיניקן טאָג אָפּצודעכען אַ קאַפּל.
און דאָס האַרץ טוט אַ צאַפּל

װען אין די ישובֿים אין טאָל
צינדן זיך אָן מיט אַמאָל
גירלאַנדעס קאָליריקע ליכטער
און די ערד זיך אין שלווה פֿאַרהילט,

אַ פֿאַרכשופֿטער פֿון דעם בילד
טוט זיך אַ צי
צו זײַנע כלים דער דיכטער
צו װעמעס אויער פֿון װײַט,
פֿון דער טיפֿקייט פֿון צײַט
קײַקלט זיך דער זיסער עכאָ :
מה טובֿו אהליך . . .

מײַן אײניק לערנט חומש

מײַן אײניק לערנט חומש שוין,
פֿון אָנהויב פֿון בּאַשאַף,
ווען גאָטס גײַסט געשוועבּט
האָט אויף די וואַסער־פֿלאַכן,
ער לערנט דף נאָך דף
פֿאַרכאַפּט פֿון די אויסטערלישע זאַכן
וואָס ער ווערט געוואָר,
וואָס זענען אים די וואָרסטע וואָר
ניט אָפּצופֿרעגן, אָן חקירות,
ווי געווען דאָס אויך פֿאַר מיר איז,
ווען מע האָט מיר אויף דער חדר־באַנק
באַנעצט די ליפּן מיט תנך־געטראַנק.

פֿון דעמאָלט אָן איז די געשיכטע
אַרײַן אין בּלוט מיר, אין געבּײן,
אי דאָס אמתדיק־געדיכטע,
אי דאָס מיפֿיש־אומגעריכטע
אין נסימדיק־געשפּאַנטן גײן
פֿון פֿאָלק זינט זײַן אַנטשטײן,
עד היום.

געקנאָטן ציגל אין מצרים
כ׳האָב מיט אים צוזאַם,
מיט אים אַריבּער כ׳בּין דעם ים,
די מדבּר־פֿעלדזן געריסן מיט די נעגל,
און געזינדיקט מיטן עגל,

און גאָטס קול אין דונערן געהערט
זײַן כעס, זײַן צאָרן,

און אויך דעראָבערט אָט די ערד
וואָס איז אונדז צוגעזאָגט געוואָרן,
אויף איר ס'האָט לעבן אויף דער שווערד
געמוזט דאָס פֿאָלק,
ווי אים צו לעבן ס'איז באַשערט
אויך הײַנט, אין צײַט דער נײַסטער
פֿון שונאים אַן אַרומגעקרײַזטער...

מיין אייניק לערנט חומש שוין,
פֿאַרבליפּט
פֿון אַלע אויסטערלישע זאַכן
וואָס ער דערוווּסט זיך פֿון דער אַלטער שריפֿט,
און פֿון דורות אויף די וועלטן־שליאַכן
די געלאָזטע טריט
ווי אַמאָל אין מיר אין זײַן געמיט
אַצינד דערוואַכן.

מייַן טרויעריקע היים

מייַן טרויעריקע היים,
וואָס דיין קופּער־רויטע ליים
שמעקט מיטן שווייס און דעם בלוט
פון די ערשטע זייער און שניטער,
יענע העלדישע היטער
געפאַלענע דאָ אויף ערד דייַן צעגליטער
מיטן פייַנט אין פאַרביסן־לאַנגן פאַרמעסט
פאַר אַ טרוים פאַר אַ גרויסן.

וואָס איז געשען.
וואָס ווי פון פייגל די נעסט
פון דייַנע קינדער דו ווערסט
פאַרלאָזט און פאַרשטויסן ?

פון דיר זיך דען אָפּגעטאָן האָט
דייַן גלאַנץ און דייַן גנאָד
און דער חן וואָס האָסט פאַר דער וועלט
אויסגעשטראַלט אָן אָן אויפהער ?
פאַר וואָס וואַרפן זיי אָפּ
די פליכטן פון זין,
און טראָגן פון גרוש אַליין
זיך אַרויס דעם פסק־דין,
און דיך זיי פאַרלאָזן אָן כופר,
צו פיל זענען זיי די אַנטלויפער
פאַרפאַדעטע,
פאַרטשאַדעטע
פון עפּעס אַ גליקן־מיראַזש,

אין האַרץ אָן אַ קאַפּל באַדויער,
כאָטש שבעה זיך זעץ,
און אויפֿן קאָפּ שיט זיך אַש
ווי אַן אָבל אין טרויער.

ביסטו צו קליין
און זיי רוים ביי דיר פּעלט?
פֿאַר וואָס, ווי אַ מאַמע
האָסטו פֿאַר זיי
מיט דײַן גוף ניט פֿאַרשטעלט
דײַן הפֿקר־אָפֿענעם טויער?

דו זאָגסט מיר מײַדן סערדצע

דו זאָגסט מיר, מײַדן סערדצע,
אַז מיר וואָלטן אַנדערש אויסגעזען
ווען פריער, איידער ס׳איז די נויט געשען,
מיר דערשלאָגן וואָלטן זיך אַהערצו,
פריער, ווען געווען מ׳איז יונג,
ווען די צוקונפט־זעונג ווי דער שטערן־ווונק
האָט געשימערט פאַר די אויגן,
ווען ס׳האָט דער אומגליק נאָך ניט אײַנגעבויגן,
אויף אונדז זיך ניט אַרויפגעקײַקלט נאָך
ווי בעת אַ שטיינער־שטורץ פון באַרג
אַ האַרטע גליבע.

דו זאָגסט, און דו האָסט רעכט, און דאָך, —
פאַר לאַמענט און קריוודע
מיר האָבן דען אַ סיבה ?

אַלע טרוימען די געטרוימטע דאָרט
זענען דאָך געוואָרן דאָ פאַרוואָרט,
אַל דאָס גאַרעניש און שטרעבן,
וואָס געמיינט מיר האָבן, אַז דערלעבן
זייער דערפילונג וועט ניט זײַן באַשערט,
האָבן זיך פאַרממשט אויף דער ערד,
דאָס גרויסע און דאָס קליינע,
און מיט דער שײַן איך זיך באַגנוג
מיט איר איך שעפּ אָן אַלע טאָג מײַן קרוג,
און ווי אַמאָל מײַן טאַטע, כ׳זאָג :
דיינו! . . .

און וואָס איך וויל: — כל זמן מיר דינען
נאָך די כחות און דער זינען,
און דאָס לעבעדיקע וואָרט,
וועגן דיר און מיר דאָס מעשהלע דערשפּינען,
און מענטשן זאָלן עפּעס
פון זיך אַליין אין דעם געפינען,
וועמעס טרוים האָט זיך ווי אונדזערער פאַרוואָרט.

די יונגע באַשיצער

אויף אַ מעת לעת, אָן איינציקן בלויז,
זיי קומען אויף אָפּרו אין עלטערן־הויז,
די יונגע באַשיצער פון דער מדינה,
אין די זעלנערשע קליידער געל־גרינע,
אויף אַקסל מיט קורצן אויטאָמאַט,
און ס׳ווערן די מאַמעס ניט זאַט
צו קוקן אויף די געמענערטע זין
ענלעכע צו די טאַטעס,
מיטן שטעל, מיטן גיין,
מיטן ייִנגלשן חן,
מיטן פלאַמיקן פּאַטאָס.

זיי קומען אַהיים אויף אַ טאָג
מיט איבנדרוקן און נסיונות אַ שאָק
פון זייערע ערגעץ־ווו טיילן
אין וועלכע זיי דינען,
און כאַפּן אַ ביכל לידער אַריין,
וואָס איז נעבטן דערשינען,
און זאַפּן זיך אָן מיט דער שיין
פון די מייַדלשע אויגן
מיט צוזאָגן פולע,
די פלאַטערלער, וואָס זעען אויס
ווי אַנטלאָפענע פון אַ לימוד אין שולע
ווי דולע
פון פריען געפילן־דערוואַך
און וועלכע צו רייַפקייט זיך אײַלן . . .

מיט זיי בײַנאַכט אונטערן דאַך
צווישן די בלאָקהײַזער־זײַלן
זיי ריידן אויף זייער סבראשער שפּראַך
וואָס שמעקט אי הײַנטיק,
אי מיט תּנך,
וועגן זאָרגן און פליכטן,
וועגן די נײַעס־באַריכטן
וואָס זאָגן ניט צו אונדז קיין גוטס,
וועגן סכּנות טעגלעכע און וועגן שונץ
אין וואָס עס נייטיקט זיך גרײַלער,
ניט נאָר די היים,
נאָר דער גאַנצער אויף זײַן אַקס
צעטרייסלטער קײַלער.

כ׳האָב אַליין דאָס געזען

זאָג מיר ניט : ניט געשטויגן, געפלויגן.
איך האָב מיט די אייגענע אויגן
דאָס אַקאָרשט געזען,
און גלײַך אין דער שאַנד
אויך איך וואָלט שולדיק געווען,
האָט אין מיר דער געוויסן
זיך דיבאָם געשטעלט.

נו זאָג, ווען עס פעלט
אין געזינדן אַ סך נאָך דער ביסן
(דאָס איז פון לאַנג ניט קיין סוד)
האָט מען הינטער דער שטאָט
אַ מאַשין מיט אייער אין מיסט אויסגעשאָטן,
און ס׳האָט זיי אַ טראַקטאָר אַריינגעקנאָטן
אין ליים — אַ קוכן פאַר מײַז.
אַ קינד איז געשטאַנען דערבײַ — אַ שאָטן,
אַ קינד מיט אַ פּנימל פון אַ גרײַז,
און זיך צוגעקוקט צו דעם פלײַס
מיט וועלכן אויסגעפירט
אַ יונגאַטש האָט די ראָלע
פון שאַנד און נבלה.

אים האָט אַזוי זיך געוואָלט
מיט הענטלעך ראַכיטישע, דינע,
אַרײַנשאַרן אין זײַן היטל דאָס גאָלד
פון דער געלעכלער־פּינע.

כ׳האָב אַליין דאָס געזען,
דאָס איז אָקאָרשט געשען
אין אונדזער מיט צדק
שטאָלצירנדיקער מדינה.

אַ ברעקעלע ערד

אַ ברעקעלע ערד וואָס איז קוים
אויף דער מאַפּע פון וועלט צו געפינען,
אַ ברעקעלע ערד וועמעס גאָלדענער זוים
זיך טובלט אין תיכונס מילכיקן שוים,
און דער שווייס און דאָס בלוט איז דערינען,
פון טרוימער וואָס האָבן געזייט מיט אַ טרער.
כדי דאָ זאָל לעבן באַגינען,
און אויפן פעלדזיקן שטיין זאָלן ווייַנשטאָקן גרינען,
און פרידן זאָל זיין דער באַשער
פון די וואָס זענען געקומען אַהער
פון די טאָלן מיט ביינער,
פון די וואָלפישע ציינער,
פון די אויוונס מיט גאַז,
פון גיהנום פון האַס
און פון בראַנד —
דער איבערבלייַב פון די געטאָס ;

אַ ברעקעלע לאַנד,
וואָס קוים אויף דער מאַפּע מע זעט עס
צווישן אַזויפיל אַרויס, —
איז אין די אויגן עס גרויס
פון אַזויפיל ניט פאַרגינער.
הייליקע אינטריגע־שפינער,
געצנדינער פון גרינגאַליקער האַס
וואָס אויפצורייַסן ווי אַ פולווער־פאַס
גרייט עס זיי זענען — אין פייַער זאָלן זיי ברענען !

ווען זענען זיי געוואָרן גרויס

די קינדער, וואָס פון די העלע פאַרטאָגן
פלעגן פאַרשמייט נאָכן פוטבאָל זיך יאָגן
אונטער דעם הויכן פענצטער
פון מיין אַמידאַרישן הויז, —
ווען זענען זיי געוואָרן גרויס?
ווען ווי די הערשעלעך הערנער געקראָגן
שטאַרקע, צום שוץ און צום שטויס?

שלאַנקע, געשטרעקטע ווי די ציפּריסן,
זיכערע אין זיך, אָן אינערע ריסן,
אַז קוים יענע קינדער אין זיי איך דערקען,
דורך מיין פענצטער זע איך זיי, ווען
זיי קומען אַהיים אין די גרינע
צעבראַסטעטע בלוזעס,
אין די קרעפּטיקע הענט מיט די עוזיס —
טאָמער אַ בייזע שעה וועט געשען...

פאַרפּאַדעט פון זאָרגן,
פון פּליכטן,
פון שטייגער,
כ'האָב ניט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער
ווי איך האַלט מיט דער צייט,
אַכט ניט געלייגט אויפן גאַנג פון די ווייזערס
און ניט באַמערקט ווען געוואָרן אַ גרייזער
כ'בין שוין אין גאַנצן ווי קרייד.

אויך ניט באַמערקט ווען אַ נײַער פאַרבײַט
פון לאַפּיטוטלער צאַרטע,
פריילעכע, פאַרשאַרטע
שאַדנווינקלען,
אַרויסגעטאַנצטע ערשט פון דער וויג,
וואָיווען שוין אונטער מײַן פענצטער
ביז אין דרויסן נעמט טונקלען,
פראַוועו שוין קונדס־שטיק.

קוק אַרויס — סאַראַ פריילעך האַרמידער,
ניט קיין קינדער — אַ פויגל־יאַריד
בײַם ברעג פונעם ים אויף אַ פעלדז פון גראַניט ; —
וואָלטן נאָך בייגיק זײַן מײַנע גלידער,
גערן וואָלט איך אַרײַן אין דער מיט,
און מיט זיי וואָלט געטריבן דעם באַל איך,
און מיט דער לבנה אין לויף זיך פאַרוועט,
און ווי זיי מיסתם אין דער גאַל איך
וואָלט מיט די גרויסע טראַציק גערעדט,
די טענות וואָס קוועלן מיך פון לאַנגאַנעו,
אַראָפּזאָגן זיי — ווײַל די צונג אפּט מיך בײַסט —
כ'וואָלט ניט געצעגערט,
און טאַדלען און מאָנען,
אַזוי ווי נביאים און קינדער נאָר קאָנען,
אָפן, אָן העמונגען, תמימותדיק, דרײַסט.

די פרוי אין פענצטער

ווי אײַנגערעמט אין פענצטער, וויזאַווי
איבערן געזימס געבויגן,
אַלע אָוונט נאָך אַ טאָג פון מי
אַרויסקוקן כ'זע זי
מיט גיריק־גרויסע אויגן.

ווי אַ קראַנקער פויגל אין זײַן נעסט
מיט ביס פון שפּאַרבער־ציין אין פליגל
זי איינזאַמט אין איר שטיבל, און פאַר געסט
רוקט זי ניט אויף דעם ריגל.

איז זי געקווּעלט פון אַ חרטה־דרוק
פאַר אַן עוולה
וואָס זי קאָן זיך ניט פאַרגעבן ?
פאַרשעמט גאַר זי האָט עמעץ מיט באַטרוג
און אַנטוישט,
פאַרמשפּט זיך אַליין
צו אַ נזיריש לעבן ?

אין איר לײַב דאָס בלוט
גייט אום נאָך אומגעשטילט,
און רייץ נאָך ווײַבלעכער ניט פעלט איר,
אַ שדל נאָך אין אירע אויגן שפּילט
מיט בליצלער ליסטיקע
ווי בײַ פרויען אין איר עלטער,
נאָך וועקן אירע סגולות מענער־גיר.

אַנטבלויזטע דורכן אויסשניט פון איר בלוזע,
דאָך קומט קיין מאַן, מיט צערטלעכן באַריר
בודק זײַן אויף איר פֿאַרמאַכטער טיר
די ניט אויסגעקושטע שוין פון לאַנג מזוזה . . .

וואָס מער מײַן אומרו וועקט

זינט, מײַן הײם,
ס׳איז מיר נאָך יאָרן גאַרעניש באַשערט
אויף ברעג דײַנעם צו לאַנדן,
האָט זיך אַ סך געביטן אויף דײַן ערד,
וואָס פון דעם מײַן פרייד
פאַרוואָלקנטער אַלץ ווערט,
און ניט דערפאַר ווײַל דאָס געבויל זיך הערט
פון די שאַקאַלן־טשערדעס
אַרום, ביי דײַנע ראַנדן.

וואָס מער מײַן אומרו וועקט
און ייאוש רעגט און מיך אויך שרעקט,
זענען די אינערע ווידעראַנאַנדן,
די פּלוגתאס אין דײַן פאָלק, דער ברידער־האָס,
וואָס פראַנק און פרײַ גייט אום אין גאַס
צעבראַסטעט הפקר־יִנגיש,
און ווי חסר דיעה,
אַז איך קווענקל איצט אַרײַנצוגיין
אין מיין שיינעם גאָרטן, אין דער ציפּריסן־אַלעע,
ווען צום שלאָף די טויבן
זיך זעצן אויף די ביימער אויס,
און ס׳הערט אויף דאָס געשוועב און דאָס געפּויז,
און דאָס אויף אַלע כלים מוזיצירן;
יאָ, איך קווענקל ווי געוויינט
אַרײַנצוגיין זיך דורכשפּאַצירן,
און לײַטערן דאָס האַרץ און דו געהירן

און פון מײַן ייִאוש און מײַן פרעגן
פון עמעצנס באַדויערלעכע רייד,
און פון מחשבות וואָס באַוועגן
זיך ווי מדבר־זאַמד אין ווינט
און פאַרוואָלקענען מײַן פרייד.

דער צפון־שטערן

דער צפון־הימל איז בײַנאַכט
מיט דימענט־שטערנדלעך באַשאָטן,
כ׳געדענק זייער גלימערדיקע פּראַכט,
דאָרט זיבן יאָר האָב איך געשמאַכט
ניט איצט געדאַכט,
אין קונע־קלעם בײַם שטן.

וואָס שוואַרצער, פינצטערער דער רוים,
אַלץ העלער איז דער שטערן־פינקל,
דורכשפּיזנדיק דעם שטרעקעס־צוים,
פלעג קומען איינער אין מײַן טרוים,
צו מיר אין קונע־ווינקל . . .

געוועזן דעם ווייטיק איז דאָרט מיר
אַ תרופה, אַ באַלזאַם ער,
צעשמעלצט האָט ער מיט זײַן באַריר
אין דער נשמה דאָס געפריר,
דעם שטנס קונע־קלאַמער . . .

איך זוך אויך דאָ זיין צויבער־טריף;
כאָטש כ׳זע אים ניט, איך שפּיר אים,
צו מיר פון שוואַרצער הימל־טיף
אים לאָזט ניט דורך פון תל־אביב
דער ליכט־קאָלירטער שירעם.

וואָס זיך צעפראַלט איבער דער שטאָט,

און דורך דער נעץ פון ליכטער
דורכקלײַבן זיך אים ניט געראָט
מיט זײַן גענאָד,
און תרופה־סוד
צום אויפגעריכטן דיכטער.

פֿאַר וועלכע זינד

סוף כל סוף איז דאָס געשען
וואָס קיינער האָט ניט פֿאַרגעזען,
ניט געקומען קיינעם איז אין זינען.
דער ציל, וואָס איז געווען זיי שטערנווײַט
אין מהלך און אין צײַט,
זיי האָבן אים דערגרייכט,
אַליין ניט גלייבנדיק דערינען,
און האָבן דיך באַקומען, דיך,
און ווי די קלעמער־וואַנץ
אין דער בהמהס דיך,
אין דיר זיי האָבן זשעדנע
אײַנגעקלאַמערט זיך,
אין דײַן לייב זיך אײַנגעזויגן.

איצט ווײ, וואָס ס׳זעען צו די אויגן:
אַן אויסגעוואַלגערטע אין מיסט
ניט צו דערקענען דאָך דו ביסט,
מיין אָרעמע, מיט סטאַרטשענדיקע ריפּן,
אויסגענאָגט פֿון זייערע תאַווהדיקע ליפּן;
דײַן לײַב צעריסן איז פֿון קרעץ,
דו, וואָס האָסט געשמט מיט דײַנע סגולות,
דײַן הערלעך הויז, גלײַך ס׳האָט אַ לץ
אַרײַנגעלאַכט אין דעם, געוואָרן איז אַ דולהויז
וווּ זייער קרומער ווילן געוואָרן איז געזעץ,
צו גונסטן פֿון די מאַרעוויכער,
זיי זאָלן פֿילן זיך באַשיצט און זיכער

קעגן פאָלק וואָס וואַרפט זיך
ווי אין פישער־נעץ אַ העכט,
און די הפקרות יובלט, און פאַרשוועכט
דײַן גוטער נאָמען איז, פאַרדאָרבן,
און דײַן האָב און גוטס פאַרשווענדט,
צעטרענצלט אַלץ וואָס האָסט מיט דײַנע הענט
די ערלעכע און מיט דײַן מי דערוואָרבן.

פאַר וועלכע זינד, מײַן אָרעמע,
צאָלסטו מיט אַזאַ מין קרבן ?

איין זאַך כ׳בין זיך מודה

וואָס איז געשען, צי בין איך דען קראַנק,
וואָס זאָרגן פאַר מיר איר האָט אַלע גענומען ?
שטרויכלדיק דען איז געוואָרן מײַן גאַנג
עקליפּסעס באַמערקט האָט איר אין מײַן געדאַנק
איז ער דען מבולבל, צעשוווּמען ?

זע איך, חלילה, אויס עפּעס ניט דאָס,
וואָס איר טרײַבט מיך צו די עסקולאַפּן ?
דאַכט זיך אַז אַלץ איז בײַ מיר אין דער מאָס,
דאָס האַרץ נאָך ווי בײַ אַ יונגן מאַטראָס,
און שמאַלץ מע דאַרף מיר ניט צאַפּן...

און געניטער ווי ייִנגווײַז אין פּאַך פון פּאָעט
די צײַט כאַפּ אַריין איך אין מײַנע סטראָפן,
אַלץ וואָס אין די וועלטן געשעט,
פון באַהערשן די הימלען דער מענטשן־פּאַרוועט,
ביז דעם אָטעם פון גראָז
און פון ליבשאַפט דעם גלעט,
און אויך דאָס שאַרבן פון אונדזער פּלאַנעט
וואָס שלײַפט זיך אין די אין־סופן...

איין זאַך כ׳בין זיך מודה: פון עלטער עטוואָס
די שמיעה בײַ מיר איז אַ ביסל שוין קאַליע; —
ניט הערן דאָס פלוישן, דעם שקרים־צעגאָס
פון די דעמאַגאָגן וואָס וועקט נאָר פאַרדראָס
איז אפשר אַ ברכה גאָר די אַנאָמאַליע ?...

עס קלינגט דער טעלעפאָן

עס קלינגט דער טעלעפאָן.
אַן אַלאַרם־צעטרייסלענדיקער קלאַנג,
און ס'האָט געטאָן אַ האַמער אין געדאַנק
און אינעם האַרץ פון יונגן ווייַבל
מיט אויגן פייַבטע ווי קאַיאַר דער בעז,
מיט קוטשערלעך — פּאַר איין מעת לעת
גראַ געוואָרענע אונטערן הייַבל,
ווי זי וואָלט עפּעס שלעכטס געאַנט
שטייט זי געשפּאַנט
און זי האָט מורא
מיט דין־געטאָקטער האַנט
אויפהייבן דאָס טרייַבל . . .

עס קלינגט דער טעלעפאָן.
פון מדבר — אַ חמסיניק אָנגעגליטער?
פון די גאָלאַנער בערג
וואָס פאַרהאַלטן מיט די קיזל־קערק
דאָס בראַנד־געוויטער?
מיט אַ גוטער בשורה אינעם מויל,
צי מיט אַזאַ, אַז ווי אַ קנויל
איר האַרץ וועט אייַנגעשרומפּן ווערן?
זי האָט דאָך אויף אַ רוף געוואַרט,
מיט אַלע פיבערן געגאַרט
דאָס קול זי זאָל דערהערן
פון טייַערסטן, וואָס איז געשלעג
ער ראַפּטאָם איז אוועק

מיט אַ כאַפּטע צאָרנדיקע לייבן.

עס קלינגט דער טעלעפאָן.
דאָס איז דאָך ער
בײַם צווייטן עק פון דראָט,
און זי, אָ, גאָט,
זיך שרעקט דאָס טרײַבל אויפצוהייבן.

אַלע טאָג כ'בין מתפּלל

אַלע טאָג כ'בין מתפּלל
(צו וועמען, צו וועמען ניט פרעג)
פאַר די יינגלעך בלינדע און לאָמע,
וועמעס לײַבער ס'האָט מיט איר זעג
צעזעגט די מלחמה.

אַלע טאָג כ'בין מתפּלל
(צו וועמען איך ווייס ניט אַליין)
פאַר די יינגלעך וועמעס דראַמטיק געביין,
פון קוילן צעריסן געוואָרנס,
אין הילצערנע אָרונס
ברענגט מען אַהיים פון יענער זײַט טויער,
פון יענער זײַט פּלויט.

אַלע טאָג כ'בין מתפּלל
אויפהערן זאָל שוין זײַן לויער
דער טויט,
ניט אַרײַנגיין היימיש און געוועלטן
אין אונדזערע געצעלטן,
און מאַמעס זאָלן ניט דאַרפן שעלטן
דעם קריג, און די וואָס האָבן געחלומט פון שלל,
נאָר גליקלעכע קינדלען
און זויגן עופעלער, און זיי ווינדלען,
און פול מיט שוואַלבישן שווינדלען
זאָל זײַן אונדזער הימל
און מיט פרילינגדיק חדווה־כאַראַל.

דער קריג אָן אַ טאָלק

ווִיפל מאָל דעם טראַנזיסטער אין נעץ
איך שליס אײַן אין די שעהען גאַנץ פריע,
כ׳האָב מורא אין ברוסט ניט טאָן מיר אַ זעץ
ווי אַ דונער עס זאָל אַ ידיעה
וועגן נײַע געטראָפענע דאָרט
אין פאַרשאָלטענעם לאַנד פון די צעדער, —
פון די ידיעות אָנגעטריפט ווערט
ווי אַ קוואָרט
מיט צער און מיט צאָרן מײַן וואָרט
און בלײַ־שווער מײַן פעדער.

ווִיפל מאָל איך קלער וועגן קריג אָן אַ טאָלק,
זע איך דעם כח־גייער,
דעם שטאַרקאָפּ וואָס האָט אויפן פאָלק
די חרפה געבראַכט און דעם ווײ ער,
פאַר וועלכע די שולד
ער אויף אַנדערע וואַרפט,
וואָס איז ניט צום פאַרצײַען,
כאָטש ער וואָלט געדאַרפט
אין אַ פינצטערן הייל זיך
פון בושה פאַרטײַען,
ווען ס׳וואָלט פון געוויסן די פליג
גערימפּלט אין מח פון ביק
מיט איר סמיק —
ווען ס׳וואָלט ניט געווען
לית דין ולית דיין.

זעקס הונדערט

טײַערע מײַנע, דעם צער מיר פֿאַרגיב,
און די טרער און דעם כליפּ,
און וואָס דעם קאָפּ ווי אַן אָבל
אין די הענט איך פֿאַרנורע;

כ׳האָב דעם אונטערצי אָקאָרשט געהערט
פֿון דער גע׳יעג־אַוועגטורע;
זעקס הונדערט ייִנגלעך,
זינט ס׳האָט דער קריג זיך צעפֿלאַמט,
זענען אין הײמלאַנדס גאָלדענעם זאַמד
געבראַכט געוואָרן צו קבורה.

זעקס הונדערט ייִנגלעך — אַלע נאָך גרין,
אַלע אין יאָרן נאָך צאַפּלדיק־פֿריע;
טאָג נאָך טאָג, ווי נאָך אייגענע זין
צו יעדער לוויה
געריסן פֿון האַרץ האָב איך קריעה.

זעקס הונדערט אָרונס — אַלע איין מאָס,
זעקס הונדערט קברים
מיט שנייוויַיסע פּליטעס; —
פֿאַר עמעצנס גרויסקייט־שגעון
דער מקח איז דאָס,
דאָס איז דער פּרײַז פֿאַר אומזין־שיטות
פֿון פֿאַלשע משיחים
וואָס אין סכנות, אין ווירבל־געדריי,

אין שלאָקסן מיט בליצן און דונער־געשמעטער
אַרײַנגעטריבן דאָס פֿאָלק צו ווונד און צו וויי,
ווען פֿונעם באַרג
מ'עט האָט ניט געזען אַראָפּגיין קיין רעטער . . .

זעקס הונדערט !
כ'האָב זיי דאָך אַלע געקענט,
מיט אַ געפֿילדער לויפֿן אין שולע
האָב איך זיי טעגלעך געזען,
אין די הענט
מיט די ביכער־ראַנצעס די פֿולע.

ס'האָט אפֿשר אַ גאון דערמאָרדט
די פֿאַרשאָלטענע קויל
דורך דער טאַנק־אַמבראַזורע ?
צי אַ פּאָעט וואָס האָט זיך נײַנצן געיאָרט
און פֿריסיקן גרויל אין פּלאָמיקן וואָרט
מיט צאָרן געפּאָרט
שורה נאָך שורה ?
צי גאָר אַ נביא ביי ווענען אַ בשורה
האָט זיך געצײַטיקט אויף יינגלשער ליפּ
און ס'וואָלט אַ וועלט אים באַוווּנדערט ? . . .

זעקס הונדערט ! זעקס הונדערט !

דעריבער, טײַערע, בעט איך — פֿאַרגיב
די טרער און דעם כליפּ,
און דעם צער וואָס אַרומגעקלעפּט מיך

ווי אַ קלייסטער,
און מיטן קאָפּ אין די הענט
ווי אַן אַבל איך זיץ,
אַן אומגעטרייסטער.

דער אַלטער מנהיג

...און געוואָרן איז דער מנהיג
שוואַך און אַלט.
מיט אויגן ליידיקע, אַן אויסגעשעפּטער
אין ציטערדיקע הענט
ניט זיכער שוין ער האַלט
דעם מלכות־צעפּטער.
אָפּגעזונדערט פון אַרום און אויסגעשאַלט
פונעם האַרמידער און געהאַווע,
זיצט ער פרעמד צו אַלץ און קאַלט,
נאָר אין מח זײַנעם אַ געדאַנקען־לאַווע
אַ גלייַך־דאַמפּיקע נאָך גייט
ווי יונגערהייט, ווי יונגערהייט
ווען ער געהאַט האָט אַ באַשייד
צו די פאַרקנוילטסטע פראַגן,
און צו מענטש, צו וועלט, צו גאָט
איז ער געגאַנגען גראָד
און אָן זיגזאַגן,
פון אַ וואונדער־טרוים באַזעלט,
אַ טרוים, פאַר אים זיך אײַנגעשטעלט
און אַלע אַנדערשדיקע אמתן געשטורעמט,
און פון זיך ער האָט אַ העלד
און מנהיג אויך געפורעמט...

אין זיך אַליין פאַרטאָן
גייט דאָס געזעמל אים ניט אָן
פון די חסידים אין זײַן פירהויז.

אים רירן ניט די הללויה־זמירות
וואָס האָבן אים געשטאַרקט
ווי אַ מאַיאָווע מעד,
און זײַן אין זיך פֿאַרליבטקייט,
און זײַן גאַווה אויך געגלעט,
און אָנגענעם געווען דעם אויער.

זאָל זײַן אַז ס׳האָט די פֿליג
די זלידנע פֿון באַדויער
באַזעצט זיך אין זײַן מח און — פּיק, פּיק,
זי עקבערט, דליבעט, שנײַדט
דעם שאַרבן זײַנעם ווי מיט זעגלער
אַז ער קוועלט זיך און ער לײַדט
פֿאַר אַ שולד, וואָס פֿון איר אַנטרינען
איז ניט מעגלעך ?

זאָל זײַן אַז ער דערשלאָגן איז
ווײַל דער קטיגור־בליק פֿון פֿאָלק
שטעקט ווי אַ שפּיז
אין ווונד זײַן רויער,
ווײַל אַלץ וואָס קודם ער געפּלאַנט
פֿון ליבשאַפֿט צו זײַן פֿאָלק און לאַנד
אויסן זײַענדיק זײַן גוטסקייט
און זײַן דויער,
זיך אויסגעדרייט קאַפּויער ?

זאָל זײַן אים האָבן זיך פֿאַרמיאוסט
די עצה־געבערס זײַנע

און פון זיי אים איבלט
ווי פון מאַליוּסקן־ראַי
וואָס אין ליחה שוויבלט,
און אים אויף זיך אַליין פאַרדריסט
וואָס זיי צו שפּעט דערקענט, די איכיקע
הנופה־קריכיקע,
ווענען תמימותדיק געטרויט,
און איצט —
גלײַך ער וואָלט זײַן שוין טויט,
זיך רײַסן שוין איבער דעם מלכות־זיגל,
וויל ירשהן יעדער אים
פון זײַנע אָפּגעשוואַכטע הענט,
און ער — ווי אים מע וואָלט געשענדט,
די טיר פאַרשלאָסן
האָט פאַר זיי מיט מיגל,
און יחידות פראַוועט אין זײַן צעלט,
ניט ענלעך מער צו יענעם העלד
וואָס האָט געברענט אַ וועלט
און אָפּגעברענט אין פײַער זײַנע פליגל.

אין זײַן חדר איינער, מיד,
אײַנגעהילט אין מרה שחורה־כמאַרע,
זיצט דער אַלטער מנהיג
און זײַן מראה
איז פון אַ ספינקס וואָס האַלט פאַרשמידט
זיין סוד אויף זײַנע אויסגענאָגטע ליפּן —
ניט אויפצוקניפּן.

און איר וואָס האָט דעם מאַן

און איר וואָס האָט דעם מאַן
מיט צונג זײַן גיפּסיק־בייזער,
געקרוינט פאַר מנהיג און דערלייזער,
גלײַך גאָט אַליין האָט אים אײַך צוגעשיקט
אין ראַנגל־צײַט אין טריבער,
און ווי דער ים
איר האָט באַגײַסטערט זיך צעוויגט,
זיך צעיובלט גליקלעך אין התלהבות־פיבער,
ווען צוזאָגן ס'האָט ער
געשליידערט ווי אַ מאַרק־זשאָנגלער
אויף אַלע פּלעצער, סקווערן, ראָגן,
און פון אים איר האָט געלאָזט
זיך פירן ווי דער בער
נאָכן ציגײַנער־וואָגן.

צי האָט דער טשאַד זיך שוין צעווייט
וואָס באַשלאָגן דעמאָלט האָט אײַך אַלע,
פאַרטומלטע פון זײַנע מליצהדיקע רייד,
אַנגעבלאָזענע, מאַניאַקאַלע ? . . .

האָט איר זיך אויסגעלערנט שוין צום שלוס,
נאָך דעם הינערפלעט פון די געפילן
און דעם זינען,
דעם מיין פאַרבאַרגענעם
אין מענטשנרייד געפינען,
זיי אויפצושפּאַלטן ווי אַ נוס

און אויסטיילן פון זיי דעם אמת־יאָדער,
אָדער
ס׳האָט פֿאַרדראָס דעם גלויבן אויסגעברענט
אין הערצער אײַערע,
באַדעקט מיט אומטרוי־זשאַווער,
אַז אומגלייביק און פֿאַרזיכטיק איר זענט
אויך ווען צו אײַך גענענט
מיט לויטערער געטרײַשאַפֿט אין די הענט
אַ קרבן־גרייטער חבר.

מלך, מלך!

ווען איך הער די יינגלער
אין פיל מלחמות די געווינער,
די שטאַרקע, מיט געקרויזטע בערד
מיט אויגן־בליאַסק פון מעסערס בעדויִנער,
און שטעכיקע ווי דאָס צאַברע־געוויקס
פון אונדזער ערד,
ווען איך הער זיי, אומגעשטערט
סקאַנדירן אויף די פלעצער: מלך, מלך,
מיט ביידע הענט די אויערן פאַרשטעל איך
פון צאָרן און פון שאַנד . . .

אין אַט די טעג פון דאַגות און טרעוואָגע
ווען אַ געשפענסט גייט אום אין לאַנד
וואָס שנאה זייט, ווידעראַנאַנד,
און אַ ברודער מיט אַ ברודער ווי אין דור הפלגה
וועלן באַלד זיך אויפהערן פאַרשטיין,
זיי פעלט שוין גאַרנישט מיין
ווי נאָר אַ טומטום מיט אַ קרוין צו דעקאָרירן,
און ער זאָל לויט זײַן קרומען שכל פירן
דאָס קלוגע פאָלק מיט קעניגלעכער האַנט
מיט מאַכט אויך אומבאַשרענקטער,
ווי ס'וואָלט צו הערשן דער פאַרשטאַנד
דער זכות אים זײַן פון הימל
אַ געשענקטער . . .

מלך, מלך,

גלײַך אָן אַ קרוין, צי מיט,

סע וואָלט געווען אַ חילוק,

ווער די קייטן פֿאַרן פֿאָלק סע שמידט

ווילקירלעך, אײגנוויליק.

דראַקאָנען

קינדווײַז מעשיות כ׳האָב דערציילן
פון די עלטערע געהערט,
אַז דראַקאָנען אין די היילן
לעבן הײַנט נאָך אויף דער ערד,
שלענג מיט פליגל, מוראדיקע,
ס׳נעמט קיין פײַל זיי ניט, קיין פּיקע,
זייער פעל — מעטאַל,
זיבן קעפּ, און פּיסקעס — פײַער,
פונקען־שפּריצער, פײַער־שפּײַער,
זייער רעווען — אומגעהײַער,
טרייסלט אויף דעם אַל.

האָב אַ מוטיקער באַשיצער
זײַן די מענטשן איך געוואָלט,
און אַ שווערד כ׳האָב מיר געשטאָלט,
אַז געגעבן זאָל פון בליץ איר
זײַן די שאַרפקייט,
כ׳האָב געמאָלט
זיך אַליין אַ סאַגאַ־גבור,
וואָס די פאָלקסמענטשן איז ליב ער,
פאַר זיין גרויסמוט טיף פאַרערט...
און אויף ברענענדיקן פערד
פלי איך, פלי, פון זייער נאַקן
אַלע זיבן קעפּ אָפּהאַקן
מיט איין פאָכע פון מיין שווערד,
ס׳זאָל קיין שפּור פון זיי ניט בלייבן
אויף דער ערד.

פרעגט איר דאָך, וואָס איז דערמאָנען
פּלוצעם איינגעפאַלן מיר
יענע מעשיות פון לאַנגאָנען —
ס'איז דערפאַר ווײַל ווו אַ טיר
הער איר ריידן אַז דראַקאָנען
לעבן הײַנט נאָך אָן אַ שיער.

זיי די צורות נאָך געביטן,
צוגעאייגנט זיך די זיטן
און די מענטשן־שפּראַך,
און זיי אומעטום זיך מישן,
אויבן אָן בײַ אַלע טישן,
און אין תּוך — פּאַרזעענישן
אין דער מינדסטער זאַך,
זיי די גרענדע פּירן, שאַלטן,
איבער אַלץ מיט כּוח וואַלטן,
ווי דאָס זיי געפעלט.

ניין, מיט זיי מלחמה האַלטן
כ'בין שוין ניט קיין העלד.

מיט באַנייטער שיינקייט

אומגליקן אַז אַ סוף אונדז באַגלייטן.
מיט אַנעם פאַרענדיקט דעם טאָג, מיט אַ צווייטן
טוען פאַר טאָג אונדז די נײַעס אַ טשמעל
ווי אַ פריסיקע וועל.
די אומגליקן נאָענט פון אונדז זיך פאַרלויפן,
ווי אין שכנישע הויפן,
ווי טאָקע דאָ בײַ דער שוועל,
די שוועל בײַ וועלכער גרין־גראָזיק און געל
די היים ליגט נאַקעט אין גאַנצן,
און מיר הערן איר אָטעם, איר קרעכץ,
איר תחינה, איר יעבץ,
און פון שלווה דעם לעכץ,
און מיר הערן אויך אין די פלאַנצן
דאָס בראָיען פון שכורן זאַפט.

זי לייגט אַוועק די טרויער־קראַנצן
אויף די פרישע קברים, און מיט געכפּלטער קראַפט,
און מיט געמיט אויסגעלײַטערטן, הײַטער,
גלײַכט זי נאָך יעדן אומגליק זיך אויס,
און צו איר זעונג קוקט זי, פאַרוויס
און אַלץ ווײַטער,
און טוט זיך פאַרפעסטיקן,
און זיך פאַרנעסטיקן,
און מיט ווילן סטאָיִקן,
זיך אויף אייביק פאַרדאָיקן
אין איר שיינקייט אַלע מאָל באַנײַטער.

פאַר וואָס קומט ניט דער נביא?

אוי, פאַר וואָס קומט ניט ווי אַמאָל
אַ נביא צו גיין פונעם פרידלעכן טאָל,
און אַ הילך טאָן עס זאָל
איבער שטרעקעס זיין קול
פון טרייסטער און שטראָפער:

אויף אַלע מאַרקן שמײַען אַרום אָן אַ צאָל
גענאַרניקעס און בלאָפער
וואָס ווייסן צו אַלע נויטן אַ באַשייד,
און דעם שפּרוך צו דער קוואַליקער פרייד
גוטטוּונג־קרעמערס,
זיי קומען אויף די פּלעצער אַלע טאָג
מיט זייער פאַלשער, פאַרזשאַווערטער וואָג
און דערלאַנגען פון אַלע הויכע באַלעמערס
זייער אמת אין אהבת ישראל־געהיל,
דרשה־דרעשער און ליגן־פּלוישער,
וואָס אויסצושפּילן זייער ניט כשרע שפּיל,
איז די נויט פונעם פאָלק אַ שעת כושר.

פאַר וואָס קומט ער ניט אַצינד
ווען דאָס פאָלק שטייט צעטומלט, ווי בלינד,
אין אַ זומפּ ביזן האַלדז און פון רעטונג — קיין רמז;
פאַר וואָס קומט ניט דער נביא פון אמת,
אַז אים דערקענען עס זאָל אויך אַ קינד
אַ באָרוועסן, אַ פאַרשטעלטן —
אַזויפיל וואַרטן אין יִיאוש אויף וואָרט זײַן באַזעלטן.

א שפּור איבּן ווענ

די פּרעגסט

די פרעגסט מיך, צי אין אַט דער צײַט
ווען שווערער צו מײַן גאָרן
ס׳ווערט אַרויפצושטײַגן,
דער אײפער קילער, און צעשטרײַט
צו אָפּט, פון מידקייט, אין אַ זײַט
לייג אָוועק איך די געצײַגן, —
צי צוריקדרייען די ראָד
כאָטש אויף אַ נײַנציק גראָד
ניט וועקן זיך אין האַרץ פאַרלאַנגען,
און איבערגיין —
אין טראַכטן און אין טאַט —
דעם לאַנגן וועג, וואָס כ׳בין ניט מן הצד
פון מענטשן־צוג געגאַנגען.

נו, יאָ. פאַרלאָקנדיק דער שאַנס איז שטאַרק.
כאָטש יעדער ווייסט אַז דאָס
אילוזיע נאָר, און זעלבסטגענאַר איז.
דעם מענטש זענען די יאָרן תמיד קאַרג.
ער אײַלט זיך ניט מיט זײַן צוואה
צום נאָטאַריוס.
עפּעס דאַרף ער נאָך דערפילן.
אײַננעמען אַ באַרג.
ניט בלײַבן שטיין אין אומאַכט אונטן.
עפּעס דאַרף ער נאָך דערגרונטן,
דערטראַכטן און באַזינגען,

אַ באַשייד געפינען,
דערשלײַפן נאָך ער מוז.

נאָר וואָלט, אונדז שטאַרביקע, דער זכות
געגעבן זײַן, פון סאַמע, סאַמע נידער,
דאָס לעבן איבערגיין, כ'וואָלט ווידער
צום וועג פון שטרײַטן מיך געווענדט
כאָטש אַלערגיש ווי דו ווייסט
איך בין צו שטורעם.

(ניין, ניט יענער וועג אויף אים
מע האָט מײַן טרוים פאַרלענדט
און מיר פאַרשאָפט אנטוישונג און יסורים.)
און אויסגעפאָרן כ'וואָלט די שיינע וועלט
ווי מענטשן וואָס זיך אַכטן,
און פאַר יעדן קינד זיך אײַנגעשטעלט
מיט פנימל פאַרשמאַכטן;
און פאַרממשן די זעונגען
כ'וואָלט זיך געפלײַסט
וואָס מיר איז יינגווייז ניט געראָטן,
צי ווײַל איך האָב אין גאַנג מײַנעם געגרײַזט
צי דערפאַר ווײַל פון אַ בייזן גײַסט
געדריקט ס'האָט אויף דער וועלט
דער אימהדיקער שאָטן...
און מיט דער שיינקייט וואָס איך האָב פאַרזען
איך וואָלט די אויגן אָנגעטרונקען,
און מיט אַלע וואונדערס וואָס אין זיי
דעם שפּיץ פון פּען

איך האָב אַמאָל קוים אײַנגעטונקען ;
און זיך אָנגעשעפּט איך וואָלט
מיטן לינדן גלי פונעם פאַרנאַכטנגאָלד,
און מיטן פרישן בלאָ פון די קאַיאָרן
דאָ, ביי אונדז, ווו כ׳בין געוואָרן
נײַ געבאָרן ;
און נאָך כ׳קען זאָגן דיר גענוי :
איך וואָלט פאַרליבט זיך אין דער זעלבער פרוי,
זי, וואָס זינט מיר האָבן זיך געטראָפן,
דעם פערציקיאָרן מאַרשרוט, אין נויט,
האָט מיט מיר בײַנאַנד
געשלעפּט די גורל־בויד,
און אויף אייביק זי אַרײַנגעבויט
איך האָב אין מײַנע סטראָפן.

דער בלודנע זון

מיט האַרץ באַליידיקטן, צעקרעלטן,
און פּיס אַרומגעקלעפּטע מיטן ליים
פון פרעמדע, פײַנטלעכע עקידה־וועלטן,
האָט דער בלודנע זון זיך אומגעקערט אַהיים,
פון וואַנען ס׳האָבן די עפּאָכע־ווינטן
אים אַמאָל אַרויסגעשלעפּט פון נעסט.

איצט, אין שאָטן פונעם בוים צעגרינטן,
וואָס מיט אַלע זײַנע וואָרצל־בינטן
אין גרונט אַרײַנגעשרויפּט איז פעסט,
וואָס אויסגעשטאַנען היצן איז און פרעסט,
איצט זיצט דער זון דער אומגעקערטער,
בעל־תשובהש, פון חרטה אַ באַשווערטער,
פאַר אַ טעות־שריט
פאַר אים אַ הויכן פרײַז באַצאָלט.

גענאַרט אים ס׳האָבן יענע שיינע ווערטער
אויסגעהעפּטע אויף דער פאָן מיט גאָלד,
וואָס האָבן אים די אַחרית־צייט געמאָלט
און געמאָנט זיין יוגנט פאַר אַ קרבן.
זײַן חלום מ׳האָט פאַרדאָרבן,
זײַן בלויען פויגל
ער געוואָרן איז גראַ־אַש,
וואָס באַפליגלט האָט אַמאָל זײַן ווילן.

איז אַלץ געווען פֿאַרבלענדעניש ? מיראַזש ?
און די עקידה פֿאַר זיין חלום
אים אַ לוין איז ? . . .

זיצט ער איצט מיט זײַנע גרימיקע רעיונות
ווי דער בוים מיט מאָך
מיט צער אַרומגעקלעפּט.
ס׳איז דער זומערטאָג מיט שײַן אַן אַנגעטריפּטער,
מיט זײַנע ריחות ער ביז שכרות שעפּט
זיך אָן, און אַ פֿאַרבליפּטער
פֿאָלגט ער נאָך ווי אַ ווערעמל, אַ נפֿטר
די מערעשקע צו זיך אין שײַער שלעפּט
מיט אַלע אירע מערעשקעלע־קרעפּטן,
און ווי פֿליגלער גאָלדענע זיך העפֿטן
אין גרינעם בלעטערוואַרג
מיט זיסער לוסט.

און אויף אים עס גייט
פֿון אַלע כלים, שטימען,
אַ כשופֿדיקער הימען.
און ער שפּרינגט אויף
ווי פֿון אַ שטאָך אין ברוסט.

וואָס זיצט ער דאָ? פאַראַן זענען נאָך וועגן
פאַר נייעם גאַנג —
ניט צו עקידה און צו שטראָף . . .
ס'פאַרמאָגט נאָך זיין נשמה פאַר דערוועגן
ניט אויסגעברענטן שטאָף.
ער הייבט זיך אויף, גלײַך פון שווערע לאַסטן
האָט זיך זײַן האַרץ און דער געדאַנק באַפרייט,
גרייט די זעגלען אַרויפצין אויף זײַנע מאַסטן
פאַר די פרישע ווינטן פון דער צײַט.

דער מאַן אין אָפּגעטראָגענעם קלייד

דער מאַן אין אָפּגעטראָגענעם קלייד
וואָס אונטערן שטאָטישן טויער ער שטייט
ווי ער וואָלט די צעקרישלטע אַרקע
מיט זײַן קאָפּ אונטערשפּאַרן,
ער האָט מיר אַצינד,
איך ווייס ניט מיט וואָס אין פֿאַרבינד,
מיט זײַן געלן, קנאָכיקן, דאַרן
נזיר־געזיכט
און אויגן פֿול מאַגישן ליכט
אונטער ברעמען צעפּלאָשעטע, גרויע,
דעם נביא דערמאָנט פֿון תּקוע.

די ליפּן האָבן באַוועגט זיך בײַ אים
ווי בעת דאַווענען בײַ מײַן זיידן;
און מיר האָט געדאַכט:
מיט געדעמפּטער שטים
טוט ער פֿון זײַנע זעונגען ריידן,
אויסצושטיין אַלץ פֿאַר זײַן וואָרזאָגן גרייט.
און מיר האָט געדאַכט:
ער וואַרפֿט תּוכחה־רייד
אין יענע וואָס האָבן פֿון ליגן פֿאַרזייט,
פֿון צביעות, הפקרות דעם סרחיקן זאָמען,
אומווערדיק געמאַכט
אין דער וועלט ביז פֿאַראַכט
דעם פֿאָלקס גוטן נאָמען,
וואָס שולדיקע זענען אין נויט און פֿאַרדאַרב,

אין דעם וואָס ס׳איז דאָס פּאָלקישע אַרב,
די לתפארת פּאַרהאָרוועטע נחלה
לײַכטזיניק פּאַרטאָכלעט.

דער מאָן אין אָפּגעטראָגענעם קלייד,
געמורמלט האָט עפּעס פּאַר זיך שטילערהייט
אונטער דער אַרקע פון שטאָטישן טויער,
און מיר האָט געדאַכט אַז נבואה־רייד
זשומען אַרײַן מיר ווי בינען אין אויער.

מיר געדאַכט האָט זיך בלויז.
נאָר וואָס וואָלט געווען ווען מיט זײַן ברויז
וואָלט הײַנט אויף די פלעצער באמת אַרויס
מיט זײַן נבואה
דער פּאַסטעך תקוער.

זכיה

יעקב שטערנבערגן

פון פריען צאַפּלדיקן עלטער,
ווען מיט שטים נאָך ניט געשטעלטער,
נאָר מיט פולער, זינגענדיקער ברוסט,
מיך אָנגענומען ס'האָט אַ לוסט,
אויפן באַרג אַרויפגיין
צו דער דיכטונגס־געטין,
מיר אַן אייגן סטעזשקעלע אויסטרעטן,
אַרויף צו איר, אונטער איר צוויבער־דאַך,
און ניט געוווּסט אַז אויסגעגליטשט אַ סך
זיך האָבן, ניט דערצויגן,
ווי די קלעטערער צום שפּיץ פון עווערעסט, —

האָט ער מיך דאָן אַ נעם געטאָן
ביים עלנבויגן
צאַרט־פּאַטערלעך און פעסט,
און מוט אַריינגעטריפט מיר צום פּאַרמעסט,
און וועגווייזער,
און מיר אויך פריינד געוואָרן.

און פערציק יאָר כ'האָב אים געזען
„אין קרייז פון יאָרן",
ווען ס'האָט זיין גייסט געשוועבט
ווי דער שטורעמפויגל אין די ספערן,
און ווען פון שטאָפּן איידלסטע געקלעפּט
די וויזיעס זיינע
און ס'האָט געברענט זיין שטערן,

און פון זײַנע לײַדנשאַפטן און באַגערן
צעפּאַלאָשעטע דעם דראַנג,
און דאָס וואָס ווײ געטאָן האָט זײַן געדאַנק,
און דאָס וואָס אומדערמידלעך קלײַבן
געטאָן אין וואָרט אַרײַן —
עס זאָל פֿאַרבלײַבן,
און איבער צײַט אַריבערקלינגען לאַנג.

פיר יאָרצענדליק נאָך אַנאַנד,
פון מײַנע יינגליאָרן פריע,
געפילט אויף אַקסל מײַנעם
זײַן פּאַטערלעכע האַנט,
און דאָס מײַן לעבן איז —
דײַן גרויסע זכיה.

דער דיכטער

געלעבט ס׳האָט איינזאַם
און פֿאַרשעמט ער דאָרט,
פֿון זײַן חזיון־פּלי
און פֿון זײַן וואָרט
דעם חכמה־קערן,
געוועזן מ׳איז דאָרט ניט גערן,
און ניט פֿון קוואַלן אנדערע
זײַן אַרויסגעפּלאָסענע מוזיק;
פֿאַרשטויסן, אין אַ זײַטן־ליק
ווי אין סדום אויף דערנער
איז ער געגאַנגען,
און ווי דער קאָרידאָ־ביק,
דער שוואַרצער,
מיט די שטאַרקע הערנער,
אין רוקן מיט אַ שפּיז,
וואָס וואַרפֿט דעם קעמפֿער פֿון די פֿיס
אויף דער צעיושעטער אַרענע,
ער אָפּגעשלאָגן האָט
דעם שפּאָט,
די שמייכעלער פֿון יענע,
וואָס קוים געגרייכט אים ביז די קני,
די פּאַדענדיקע גנאָמען,
וואָס געקײַקלט מיט סיזיפֿוס־מי,
דעם שטיין פֿון לשון־הרע
אויף זיין נאָמען
מיט קורצע גנאָמען־הענט.

בײַקומען אים האָבן ניט געקענט
די לעסטער־פֿײַלן אַלע,
אָפּגעשפּרונגען װי פֿון קיזל־סקאַלע
צו די צילער זענען זײ צוריק,
און מיט דער שפּיז אין רוקן,
אַ ניט געװוּנטער זיך צו בוקן,
אין דער אײביקײט אַרײַן ער קוקן
האָט געטאָן מיט זײַן חזיון־בליק.

דער פּאָרטרעט

ווי־פל מאָל איך טרעט די שוועל אַריבער
פון שרײַבער־הויז אויפן נאָמען פון פּאָעט,
וואָס מיר ער איז געווען פון אַלע ליבער
יִינגווײַז ווען איך האָב פון דיכטונגס־פיבער
אין גראַמען זיך צערעדט;
ווי־פל מאָל איך טרעט די שוועל אַריבער,
זײַן פון בראָנדז געגאָסענער פּאָרטרעט
מיט פּנים קנאָכיקן פון אַן אַסקעט,
אומבאַוועגלער, שטום, פון נישע־שאָטן
באַלד מיר זיך באַווײַזט.
ס׳האָט דער קינסטלער אים געקנאָטן
מיט התלהבות. אויפוועקן מיט זײַנע דלאָטן
די נשמה דעם פּאָעטס
אין הומר זיך געפּלײַסט,
הערן זאָל זיך פון דעם פורעם
דער פּאַרצערנדיקער צער פון בעל־יסורים
דער פליגל־פּאָכע פון זײַן גײַסט.

דוכט מיר: זײַנע אויגן נעמען פינקלען
און אַן אַדערל אַ דינס אַרום די ווינקלען
פון פאַרשטשעמטן מויל אַ צוק טוט קוים,
אַז אַרויס ער וויל פון דעם פּאַרצוים,
אַז אַרויסצוקריכן זיך באַמיט ער
פון קלעם דעם בראָנדזענעם
ווי פונעם קבר־בעט,
צו דעם ווי פּראָמעטיי צום פעלדז

ער איז געליגן לאַנג אַ צוגעשמידטער,
און קומען צו זיין פּאָלק וואָס ווי אַמאָל
אויך היינט, אויף ערד זיין אויסגעלייזטער
זיך נייטיקט אין אַ ריין און ערלער קול
פון אַ מוכיח און אַ טרייסטער.

מאַנגערס לעצטע זעונג

מיט פאַרמאַכטע אויגן, אויסגעבלאַסט,
אַ ניט היגער שוין, אַ וויַיטער,
שוין אויף דעם פּלאַנעטל נאָר אַ גאַסט,
אין גרויסער היץ ווי אויף אַ שיַיטער,
געלעגן איז דער שטערבלעך־קראַנקער באַרד,
און ס'איז אין אים פון טיף אַרויפגעשטיגן
אַ דערמאָנונג פון דער יוגנט
ריין און צאַרט
און ווי אַ כשוף־נגון.

ער איז נאָך יונג. אַנאַקרעאָן זיַין גאָט.
זיַין תהלימל — דאָס ליד פון סאַנקט באַדלערן,
אין די נעכט, אונטער אַ שטערן־שאָט,
פאַר די קליינע מאַגדאַלענעס פון דער שטאָט
לייענט ער לידער ביַי אַ נאַכט־לאַמטערן.

ביז מדרש איציק, אַ, עס איז נאָך העט,
נסיונות אים נאָך שטייען פאַר פּאַטאַלע,
נאָר צו זיין רום
ווי פון פרוזשינע־ברעט,
ער דורכמאַכן קפיצת הדרך וועט,
און ווערן פּרי נתגלה.

און זיַין אויף אַלע ליפּן וועט זיַין שם
און אַ געקרוינטער צווישן גרויסע ; —
נאָר דערוויַיל אין קאַפּעלוש פון אַ באָהעם,
ניכטער נאָך דער זעקסטער כוסע,
ער שפּאַנט אין אָוונט מיט געאיַילטע טריט

אין פֿאַמול ווערדע, דעם טעאַטער־גאָרטן —
אוי, ווי אים אַהין מאַגנעטיש ציט,
פֿון אַ וואַנדער־טרופּע לויטן אַלטן שניט
שולמית פֿאַרגעשטעלט ווערט דאָרטן.

און ניט אַזוי צוליב דעם שיינעם שטיק
בײַ דעם געוויינט ס׳האָבן אַמאָל די מאַמעס,
מיט דער לופּט פֿונעם תנך,
מיט דער מוזיק,
וואָס אים זי וואַרעמט פֿון דער וויג,
ווי צוליב איר מיט מאַמע־רחל־בליק
אין דער ראָלע פֿון שולמית,
פֿון דער קרעטשמע ווו ער האָט פֿאַרברענגט
אין חברותא נאָדל־שער־געזעלן,
ווען ער זײַן גאַנצע ליבשאַפֿט שענקט,
אים טראָגט אהין —
די שפּיל ניט צו פֿאַרפֿעלן.

דאָרט, אין שאָטן זיצט ער מן הצד,
אויסגעטאָן פֿון עולם הזה, אינו נראה,
פֿאַרטראָגן, אין אַ זיסן טשאַד,
פֿון איר מלאך־חן ניט זאַט,
פֿון איר קול
און פֿון די תנועות אירע,
און ער קומט צו זיך נאָר צום פֿינאַל,
ווען קאָכן ס׳נעמט און ברוויזן,
און שטורעמען דער גאָרטן־זאַל,
און רוישן ווי אַ וואַסערפֿאַל
פֿון די באַגײַסטערשע אַפּלויזן.

דערנאָך אין שײַן פון גאַסן־לאָמפּ,
אין דינעם זומערקלייד געפּאַלבטן
זי קומט אַרויס אונטער דעם אַלטן דאָמב
צו איר פאַרליבטן, טרוימערישן גלאָמב,
דעם לידער־פּרינץ
נאָך ניט געזאַלבטן.

עס שלאָפט שוין יאַס.
דער זומערנאַכט־שפּאַציר
אַ תענוג איז. דער בעז־ריח געשמאַקער
איז ממש ווי אַ כשוף־עליקסיר.
שוין פוסט די קרעטשמע, דער טראַקטיר,
אויפן געשליפענעם ברוקיר
מע הערט קיין פערד־געטופּ, קיין פיאַקער
וואָס פירט אַהיים אַ שכורן הוליאַקע, —
עס נעמט אַרײַן ווי אין אַ קויש
דאָס יאסער שאָדנווינקל
דעם זיסן שטילקייטן־געפּלויש,
און יענעם לינדן, בלויען פינקל
וואָס אויף אים פון די אין סופן גייט,
פון פראַכט־קרוין דער ווענערעס, . . .

ער אין אַכסניה זי באַגלייט,
און פליסטערט איר אַרײַן געגראַמטע רייד
וועגן גורל, ליבעלייד און פרייד,
וועגן טויט און ווײַן וואָס ער צעווייט
אַלע טרויערן און גרויל־כימערעס,
און צו איר זײַן לויטערסטע געפיל

אין אַ ליד אַז ערשט געבאָרענעם
אַנטהילט ער.

ער ווייסט צו גוט: אין אָט דער שפּיל
וועט זײַן ער אַ פֿאַרשפּילטער,
פֿאַרבלײַבן וועט זי אים
אַ ניט דערגרייכטער ציל,
אַ חלום בלויז, אַ ניט דערפֿילטער.

ס'איז איר אייפֿעריקער טאַטע אויף דער וואַך,
ער היט זי פֿון דעם שטערן־פֿאַנגער
מיטן בלייכן, פֿרומען פּנים פֿון מאָנאַך,
אים זאָגט זײַן נאָמען ניט קיין סך,
ער ווייסט ניט אַז די „שטערן אויפֿן דאַך"
צעקלינגען וועלן אין דער וועלט זײַן נאָמען
מאַנגער.

ער ווייסט נאָר אַז מיטן געזעץ
און אויך מיט קהל איז ער קידער ווידער.
און אַז מיט דער חד־גדיא
היימיש איז דער בחורעץ,
און מעג ער זײַן
דעם יונגוואַרגס געץ
וואָס איז צעמישט פֿון זײַנע לידער,

און מעג זײַן אמת וואָס מע זאָגט
אַז עס שטעקט אין אים אַ פֿלאַ־יאָדער,
און אַז אַ בשורה ער צו מענטשן טראָגט,

וואָס צו שיינקייט
און צו גאָט פאַרלאַקט,
און אַז די כלים ער פאַרמאָגט
דער לאָדער,
ירושה פון די בראָדער,
איז דער פויגל אָבער ניט פאַר איר,
מיט אַזאַמין אומרו אין די פליגל,
רחבות־בענקשאַפט
און פאַרמעסטן־גיר,
וועט ער אין נעסט זיך פילן
ווי אויף זשוויר
און וועט אַרויספליען פון איר
ווי פון אַ שפּיגל.

געוועז איר טאַטנס „ניין" איז — גזר,
די טיר ער האָט פאַרהאַקט אַנטשיידן
פאַר דעם זלידנע־צוגעגעסענעם קאַנאַר,
און לאַנג ווי לאַנג האָט ער פאַרטויבן
ניט געקענט דעם צער
פון זײַן פאַרלאָרענעם גן עדן . . .

נו, יאָ; ניט איין מאָל איז אין זיינע הענט
די פאַווע גאָלדענע געקומען פון געשוויבל,
ס'האָט פרויען־ליבשאַפט ער צו זאַט געקענט,
זייער צאַרטן בלענד
און ביטרע פענט
און פון באַטרוג אויך דעם פאַראיבל.
נאָר איצטער,

אויפֿן שטאַרבבעט, אויסגעבלאַסט
אַ ניט הינגער שוין, אַ ווײַטער,
שוין אויף דעם פּלאַנעטל נאָר אַ גאַסט,
מיט דעם שוואַרצן מלאך שוין פֿאַרקנסט,
אין גרויסער היץ, ווי אויף אַ שײַטער,
פֿון טעאַטער־קינד, שולמית, אומגעריכט,
די ווײַטע זעונג האָט באַרירט זיין אַפּל,
און פֿון זײַן גוססדיקן האַרץ דאָס ליכט
האָט אויף זיין פֿאַרשטאַרט געזיכט
געטאָן זיך לעשנדיק, אַ צאַפּל.

האַלבנאַכט־איבערלעבונג

האַלבע נאַכט. די שטאָט שוין רוט.
אויף בלינד פאַרריגלט
זענען טיר און טויער,
די פּוסטע גאַס שמעקט נאָך מאַזוט,
ווי אַ גזלן
אויפן שטערן אַנגערוקט דעם הוט
דאָס ביימל ביַי דעם מויער.

זיַין אָרט אין הימל שוין געטוישט
דער קליינער בער האָט מיטן גרויסן; —
איך גיי פּאַמעלעך און איך לויש
צו די מחשבות וואָס אין מיר קנאַיִש
זיך צוזאַמענשטויסן.

פּלוצעם — מיַינע טריט איך הער?
צי אין דער נאַכט דער טויבער,
אַן ענלעכער צו מיר דאָרט שפּאַנט נאָך ווער
און ווי איך אין אים
פאַרדאַכט אויך ער
אין מיר אַ מעסערזיונג, אַ רויבער?

מיט אים וועל דאַרפן אַ פאַרוועט
פון כחות אויסשטיין, אַ דועל איך?
כ'זע בולט שוין זיַין סילועט,
אקעגן מיר ער זיכער טרעט,
נאָר גאָרניט, גאָרניט, ניט געשעט, —
ער גייט פאַרביי פּאַמעלעך.

און מיך מיט גוטער נאַכט באַגריסט,
און אַ וואַרעמקייט צעפליסט
זיך מיט אַמאָל אין מײַנע בלוטן; —
איצט מיך אויף זיך אַליין פאַרדריסט
וואָס כ׳האָב אין שלעכטן מיין אומזיסט
פאַרדאַכט אַ מענטש אַ גוטן.

כאָטש קער זיך אום און אים דעריאָג
און בעט בײַ אים פאַרגעבונג.

האַלבע נאַכט. און שטאָק נאָך שטאָק
אַרויף צו מיר אַהיים איך טראָג
מיין האַלבנאַכט־איבערלעבונג.

בייַנאַכט, נאָך חצות

בייַנאַכט, נאָך חצות. אין אַ מילך־טומאַן
פאַרשלייערטע שטייען אַרום די לאַמטערנס.
לענגאויס דער גאַס מיט צעוואַקלטן שפּאַן
גייט איינער אַליין בגילופן אַ מאַן
און זינגט אויף אַ קול אַ ליד אַ מאָדערנס,
אַ לאַקריץ־מאָטיוו
וואָס דער ראַדיאָ דרייט אָן אַ סוף
אַז די אויערן וויאַנעז.

אין שטילקייט, אָן שלאָף,
בין איך בייַם פענצטער געשטאַנען
און געהאַרכט זייַן געזאַנג
ווי אין אַ לייַכטער באַרוישונג.

מע זינגט ניט אַזוי
ווען פון יִאוש צעמישט
עס איז דער געדאַנק,
צי פון אַ האַרבער אַנטוישונג.

איז אפשר האָט הייַנט
פונעם קלעם ביי דעם קאַט, ימח שמו,
פון אַ פאַרלאָרענעם ברודער
געפּייַערט ער דעם צוריקקער ?
אפשר דער שמייכל פון אַ געחלומטער פּרוי
מיט צוזאָג אַרייַנגעטריפט
אין זיין נשמה ווי טוי ?

און אפשר אַ ווערק,
פון זײַן נשמה דער עיקר,
האָט ער צו שלמות דערפירט,
און ניט פונעם ווײַן
נאָר פון גליק איז ער שכור?...

גייט ער און זינגט אַליין אין חצות.
עס זינגט זיך אַ מענטשן אַזוי־אַ
ווען אויף זײַן לעבן ער איז באַלעבאָס,
ווען דער גורל מאָלט זיך נאָר ראָז
און ראָז איז דער עולם ומלואו...

קינדהייט — זעונגען

כ׳האָב היינט ווידער דערהערט די גלאָקן,
וואָס האָבן מיך קינדווייז געשראָקן
מיט זעונגען פינצטערע פון אַפּאָקאַליפּס,
ווען מיין פּיצעלע האַרץ,
פון אַנגסט און יסורים
פאַרגליווערט פלעג ווערן ווי גיפּס
ביים קינסטלער אין פורעם.

כ׳האָב ווידער דערהערט זייער טויבן
בראָנדזענעם קלאַנג,
אַזוי ווי ער פלעג אין די שויבן
אַ זעץ טאָן אַמאָל אין אונדזער געצעלט,
די קלאַנגען באַסאָווע; —
זיי זענען, איך ווייס ניט
אין שותפות מיט וועלכער מחשבה
אויפגעגאַנגען אין מיר
פון מיין קינדערשער וועלט.

דאָס הייסט אַז ס׳איז אין די בלוטן
ניט אויסגעוועפּט געוואָרן לחלוטין
די קינדהייט, ווי באַלד ס׳טוט אַ טריף
פון געדעכעניש נאָך מיט אַ זעונג אַ בלאַסער
ווען מיר דאַכטן זיך פלעג קינדיש־נאַיוו,
אַז אומגליקן זענען די גלאָקן מבשר
אַז זיי קלינגען צו נויט,
צו הונגער, צו שריפות, צו טויט,
און ווײ, — צו פּאָגראָמען,

און מיט דער האַק — אין זײַן הייליקן נאָמען —
אין גרויל כ׳האָב געזען שוין
דעם שכורן קוילער
קריכן צו אונדז אַריבער דעם פּלויט . . .

זעונגען פינצטערע פון דער קינדהייט
איך האָב ניט גרינג זיי איבערגעווינדעט.

אָנהייב ערע

כ'האָב הײַנט ניט געכאַפּט
אין אַ צײַטונג אַ קוק,
דאָס וואָכיקע האָט מיך פֿאַרשלינגען,
דער שטייגער,
דער מעכטיקער בייגער
פֿון אונדזער ווילן און רוק.

איז צײַט צו טאָן אויפֿן קנעפּל אַ דרוק
פֿון דעם טעלעוויזאָר — די נײַעס צו הערן.
פֿון גאָרן וועלטן־צעשפּרייט
זיי שטראָמען דורך אומזיכטיקע רערן,
וועגן גרילץ פֿון געווערן
וואָס קערן ניט אום זיך אין שייד,
וועגן הונגער און טרערן,
און פֿאָלקס־איבערקערן
וואָס רײַסן די קנעכטישע קייט,
און אויך וועגן יענע וועגן־דורכברעכער,
מיט אומגעשטילט־לויטערן גיר,
וואָס שטרעבן אַלץ ווײַטער, אַלץ העכער,
צו דעם פֿאַרהוילענעם נאָך
צעפּראַלן אַ טיר . . .
אַלע טאָג קומען נײַעס דאָך פּאָר
אין דער וועלט
פֿון אומגליקן פּיל ניט באַשיצטער,
אומקלאָרקייטן ווערן קלאָר,
דאָס געטרוימטע ווערט וואָר,
דאָס קינפֿטיקע ווערט — „איצטער"

און אויף דער לבנה
אין אומוואָגיק געשוועב
האָפּסלען ווי אויף טרעפּ
די קאָסמאָס־מרגלים
אין די סקאָפּאַנדערס די שווערע.

טײַערע, הער: דורך דער קאָסמישער בערע
רעדט די לבנה זיך דורך מיט דער ערד.
אונדז עדות זײַן איז באַשערט
בײַם אָנהייב
פון אַ גרויסער,
אומגעוויינלעכער ערע.

סעלינזשער

די הימלען האָבן אויפגעהויבן דעם שלאַגבוים
און די חלל־שיף, אָפּגעריסן פונעם באָדן,
האָט געטאָן אַ ריס זיך צו איר טרוים
אָן מינדסטן צווייפל־שאָטן אין אַ שאָדן.

פון מיליאָנען הערצער
האָט פון שטאָלץ און פרייד
אַרויסגעברויזט דער שאַל
אין אָנבליק פון דעם
אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל.

נאָר איידער וואָס,
האָט זיך דערהערט אַ פּראַל,
אַ טויבער דונער־קנאַל,
ס׳האָט זיך ווי פון נײַנטן באַל
די ערד געטאָן אַ וואַקל,
און אַראָפּ, אַראָפּ
און אין צעפּאַל
מיט אומגעהײַערער שנעלקייט איז געפלויגן
אַ שוואַרצער ברענענדיקער קנויל,
צו ווערן פונעם ים פאַרזויגן,
פאַרשלונגען פון זײַן אויפגעריסן מויל.

אַ רגע בלויז
און אויס! —
נאָר אין מעמבראַנע פון מײַן אויער

זיך פאַרהאַקט האָט ווי אַ בויער
אַ גסיסה־ברומיקער אַקאָרד . . .

צום עקראַן אַ צוגעשמידטער
בין אויך איך געווען דאָרט
דורכגענומען פון אַ ציטער
ווען פון דער לופט אַ הייסע וועל
האָט געטאָן אַ מוראדיקן טשמעל
אין מענטשן־האַרץ
פאַרגליווערטן פון יִיאוש.

אַוועק עס זענען אין איין אויגנבליק
זיבן איידלע טרוימער
וועמעס טאַט און זיג
האָט געקענט זײַן פּראָמעטייִש.

די אַטלעס־שוואַרצע קראָ

איידער ס׳האָט די וועלט זיך אויסגעטשוכבעט
פון דעם אומגליק־שאָק,
האָט אין פּנים מיר אַריינגעשמוכבעט
מיט שאָדנפרייד אַ כניאַק
אין שוואַרצן הוט, אין שוואַרצן ראָק —
אַ שוואַרצע אַטלעס־גלאַנציקע וואָראָנע.
נו ? וואָס איז דײַן מסקנה
נאָך דער בייזער שעה ?
ס׳איז דאָ, צי ס׳איז ניטא
אַן אל נקמות אין די הייכן ?
איז דאָס דיר ניט קיין צייכן
אַז יענע וואָס פון גליק פאַרבלענדט,
צום הימל־מלכות שטרעקן זייערע הענט,
וועט אַלע מאָל די שטראָף די געטלעכע זיי גרייכן ?
דאָס וואָס מיט דער חלל־שיף
האָט ערשט געטראָפן זיך
און זי אויף שטויב האָט זיך צעשאָטן,
אַ וואָרנונג איז דעם מענטש : ניט קריך
צום כביכולס סודות־וועלט, דאָס איז פאַרבאָטן !

און איך האָב הערנדיק געקלערט
אַז אָט די אַטלעס־שוואַרצע קראָ
אין ווײַסן לײַבצודעקל,
מײַן ענטפער איז נישט ווערט,
און פון אים איך האָב זיך אָפּגעקערט
מיט עקל.

מײַנע גוטע פֿרײַנד

די גוטע פֿרײַנד וואָס זענען געווען תמיד גרייט
צו באַשיצן מיך פֿון די בלאַטע
נשמות געשמדטע,
פֿון יענע וואָס גיפֿט מיר געטראָגן אין שייד
פֿון גוטענקע רייד,
און געזוכט ביי מיר די אַכילעס־פּיאַטע ;

די גוטע פֿרײַנד, זיי זענען דאָך מיר
אין יִיאוש־טעג סומנע געווען אַ באַלוינונג
ווען שרעקן עס פֿלעג יעדער שאָרך, יעדער ריר
הינטער מײַן בלינד פֿאַרריגלטער טיר
פֿון מײַן טויבנשלאַק־וווינונג.

אין וווינונג האָט נאָר אַ גראַטע געפֿעלט,
כאַטש אויך אָן דעם פּרט
איז גענוג געווען דווקא,
כ׳זאָל פֿילן זיך ווי דער פֿאַרצווייפֿלטער העלד
אין אַ פֿאַרקריפּלט־מטורפֿער וועלט
וועלכע געשילדערט ס׳האָט קפֿקא ;

אָט פֿאַלן אַרײַן זיי מיט פֿריילעכן רעש
ווי זיי וואָלטן אַנטדעקט אַ געהיימפּולע נײַ־ערד,
און אונטער דער פּאָלע — משקה אַ פֿלאַש
פֿון יענער וואָס נאָר דער קאַנט־בוליבאַש
מיט איר האָט דעם גאָרגל געשײַערט . . .

און נעמענדיק די גלעזער צום מויל
מיט די בליקן געמאַכט שטיל אַ ברכה;
ווי יידן אַמאָל — בין קודש לחול;
אַז אָפּגעשיידט ווערן פון אונדז זאָל דער גרויל
פון דער חשכות־עפּאָכע;

אַ, יענע צײַט ווען איבערן לאַנד
געשפּרייט ס׳האָט אַ פינצטערער דעמאָן זײַן פליגל,
ווען שאָטן געפּרעסט אויפן האַרץ און געדאַנק,
איך וואָלט זי, כ׳לעבן, איצט ניט דערמאָנט,
כאָטש זי טאָר אויך ניט זײַן מיט פאַרגעסונג פאַרזיגלט,

און אויב איך דאָך אַצינד זי דערמאָן
איז ווײַל אין געפעכט
פאַר מענטשנגליק וואָרן,
האָבן זיי, וואָס געשפּאַנט מיט מיר
אונטער איין פאָן,
אויף איר טראַגיש־פינצטערן פאָן
זיך אײַנגעגראָבן אין ליים פון זכרון.

די צײַט טראָגט זיך שנעלער

די צײַט טראָגט זיך עפּעס שנעלער,
ווי אַ שיפל פון ווילדן שטראָם געשלײַדערט
ווּעמעס שיפער האָט פאַרלאָרן
די וועסלעס פון די הענט,
דער וועג ווערט קירצער, שמעלער
צום גרענעץ־זוים ווען מע גענענט.

מע זעט נאָך ניט
פון יענעם זוים קיין פּינטל,
נאָר פונעם סודותפולן דאָרט
מיר בלאָזט אין פּנים שוין דאָס ווינטל
וואָס קילט די בלוטן אויס
נאָר ניט דאָס וואָרט.

איז צײַט זיך אָפּשטעלן און אומצוקוקן
אויף די שפּורן פון ביז־איצטער־גאַנג;
אפשר זיך געטאָן צו פרעמדע געטער בוקן
און ס'איז מיר איצטער באַנג?
אפשר בין געווען איך צופיל גליסטער, וועלער
פון יענעמס פרייד פון יענעמס האָב און גוטס,
און פאַרזען, און ניט געשטעלט אין שורץ
כ'האָב זיך פון די וואָס לעבן אינעם קעלער?
נשמה־גוטס אומזיסט אפשר פאַרשווענדט
און פון דער שײַן וואָס האָט געשלאָגן
אין די אויגן מיר, פאַרבלענדט,
האָב דעם עול איך ניט דערטראָגן

ווי מ׳האָט געהאַפּט אויף מיר,
ווי כ׳האָב געקענט,
ווען באָרוועס און אויף שאַרפע שטיינער
ווי אויף מעסערס — שטיין נאָך שטיין,
ביי דער זײַט מיט דיר נאָר איינער
איך דערשטאָלפּערט האָב צו זיך אַליין.

זאָגט מײַן פרוי: צו וואָס דאָס גריבלען
זיך, דאָס אויפוועקן פאַראיבלען
פון לאַנג פאַרשוווּנקטע
מיטן שוים פון צײַט,
די פריידן זוניקע געניס, די נאָך געשענקטע,
ס׳איז ביזן גרענעץ־זוים נאָך ווײַט,
ביסט ניט דערגאַנגען נאָך
צום לעצטן שטאַפּל,
ס׳איז צו דעם פאַרוועט נאָך ניט קיין סוף...
צופיל נעכט האָסט זיך באַרויבט פון שלאָף.
דו דאַרפסט מײַן ליבער פּשוט
זיך אויסרוען אַ קאַפּל.

אין לויטערער התגלות

צו דער פּטירה פון סידי טאַל

איך האָב זי ליב געהאַט פון ערשטן בליק
ווען אין דעם היכל פון טעאַטער
פאַרבלענדט פון ליכט און פון מוזיק
זי האָט פאַרשייט אַרײַנגעפלאַטערט
מיט איר צניעות־חן,
און אומרו־גלײַ אין מיידלשן געביין,
מיט אירע טרוימען, נאָך טומאַניקע, ניט קלאָרע,
און איר האַרטנעקיק־ווערדיקן באַשטיין
אויף אירן, אָן אַ פּשרה.

פאַרזוכט פון בינע־סם מיט שפּיץ פון צונג
האָט זי איר אייפער ניט געקענט שוין העמען,
און אַ שמײַס געטאָן פול שווונג
האָט זי אַרויף, צום שטערן־ווונק,
אַ פאַרלאָקטע פון איר שטיפערישן דעמאָן.

וואָס האָט זי דען געוואָלט אַ חוץ די רעכט
צו מעגן הערצער גלעטן,
זײַ מיט איר אמת דינען,
און מעגן מאַסקעס קלעפּן,
און מעגן אמתדיק און עכט
אין מעשהלער דאָס זײַן באַזינען.

אַליין זי האָט דעם וועג זיך אויסגעוויילט,

ניט קיין גראָדער ווי אויף שפּאַלעס,
און אויף אים ביז לעצטן דער צעטיילט
די נשמה אירע
אין לויטערער התגלות.

איז ווי האָט זי באַזיגן לאָזן זיך געקענט,
פון דעם פאַרזעעניש אין שוואַרצער פּעלערינע,
דעם געגנאַרניק, וואָס האָט צו איר געגענט,
אַ כאַפּ געטאָן זי אויף די ביינעריקע הענט
און מיט איר פאַרשוווּנדן פון דער בינע ? . . .

איצט זי שוין דער אייביקייט געהערט,
איצט די אייביקייט איר היים איז,
וווּ איר שלוה פון זאָרג איז ניט פאַרשטערט,
און ניט פון ספקותן
וואָס האָבן זי פאַרצערט
בעת איר פלי פאַרעקשנטן צו שלמות.

1983

אַ שפּור אויפֿן וועג

אין גרויסשטאָט כ׳האָב געלעבט,
און שטריך נאָך שטריך געדולדיק
כ׳האָב זיך אַליין געקנאָטן ;
געפֿינען וועט מען דאָרט, קאָן זײַן, אַ שפּור
פֿון וועג וואָס כ׳האָב נישט גרינג מיר אויסגעטראָטן,
אויב וועט נישט ווערן ער מיט זאַמד פֿאַרשאָטן
ווי אַ קרעל אַן אָפּגעסילעטע פֿון שנור.

דאָרט ביז די קליינע שעהען אין קאַפֿעהויז
פֿאַרברענגען פֿלעגן מיר, אַ יינגער שטאַם
פֿון טרוימער, דענקער, בעלי דעות,
זיך געאַמפּערט איבער וועלט־זאַכן, אידעעס,
איבער אַ ווערטער־אַמאַלגאַם,
איבער אַ גראַם,
און געקושט די צאַרטע, תּמימותדיקע פּייעס
וואָס דעם לעבן און דער דיכטונג
צוגעגעבן טעם.

אין שענקלער ווו אין עצבֿות אײַנגעטונקען,
מאַנגער אַן אַ גראַשן אין זײַן טאַש
לויטן תּהילימל אַנאַקרעאָנס
האָט לײַטערונג געזוכט אין פֿלאַש,
קאָטנאָרער ווײַן אויך מיר האָבן געטרונקען,
און מיט דער אייביקייט זיך איבערגעוווּנקען,
אָן זאָרג פֿאַר דעם פּאָעטישן אימאַזש.

געקראָכן אויך אין די קוליסן פון טעאַטער
און מיט אַקטריסעלער געטריבן שפּאַס,
און ווען קעגן דער וועלט דער בלאַטער
פון גוטס און תענוגים איבערזאַטער
גערויכערט זיך ווי פון אַ קראַטער
פון האַרץ פונעם המון עס האָט זיין האַס,
מיט אים אַרויס מיר זענען אויף דער גאַס...

מיר זענען יונג געווען און שטאַרקע גלויבער
אין זיגנדיקער גוטסקייט און אין רעכט,
ווען ניט פאַרדאַמער וועלן זיין, נאַר לויבער,
אין מענטשן־האַרץ אַלע כוונות — זויבער,
און די ליבשאַפט און דער שיינקייט־צויבער
פון קיינעם נישט געלעסטערט און פאַרשוועכט.

אויף אַט דעם וועג אַ שוואַכן שפּור צו לאָזן
כ׳האָב זיך געפליַיסט — אין מעשים און אין וואָרט;
און וועט די צײַט מיט זאַמד אים נישט פאַרבלאָזן,
צי פאַרוואַקסן ווערן גאַר ער וועט מיט ווילדע גראָזן,
קאָן זיין אַז עמעצער וועט אים אַמאָל
געפינען פאָרט.

דער אויסקוואל פון נגון

אין גרינעם קאַנט

אין גרינעם קאַנט דעם ברויטיק־רײַכן.
וואָס ווערט פון גאָלדענע צוויי טײַכן
מיט כוואַליעס גאָלדענע געשווענקט,
דאָרט האָבן, אין די רעבט באַשרענקט,
אין שטעטעלער צונויפגעדרענגט,
געלעבט די ייִדעס מיינע
אין אַנגסטן און אין שאָדן.

געקענט האָבן פון טערק דעם עול,
פון דעם מאָסקאָל, פון וואָיעוואָדן ;
פאַראַן דאָך זענען אָן אַ צאָל
סמנים דאָרט, אויף יענים באָדן,
וואָס האָבן זיך פאַרהיט ביז איצט,
אויף צאַמען־שטיינער אויסגעקריצט,
אויף אַלערליי פאַרגעלטע כתובות,
אין מעשות, וואָס פון עלטער בלינד,
די זקנים האָבן דאָרט געשפינט
בײַם וואָיענדיקן ווינטער־ווינט
אַרום די אָנגעהייצטע הרובעס.

געקענט ווילקיר אויף יענער ערד,
און יעדן בראַנפן־זויפער
מיט אַ קאָקאַרדע און אַ שווערד
געצאָלט זיי האָבן כופר.

געקענט פון „לך לך" דעם גזר,

פון אָרט צו אָרט געטריבן,
פון בלוט־בלבולים אויך דעם צער,
פאַגראָמען און פאַרניכט־געפאַר, —
אין די אַנגאַלן איז פאַרשריבן . . .

מיט קראַטעטרס אָן אַ צאָל פאַרזייט
די מאַפּע איז פון זייער געשיכטע,
מיט אויפטרייסלען אַ גאַנצער קייט,
געריכטע, אומגעריכטע,
מיט האַס וואָס ס׳האָט די נײַע צייט
דערטראָגן ביז צו מיר אים . . .

און איצט, ווען מיר זענען שוין ווײַט
פון דאָרט אַוועק — אין ווערמעס זײַט
דער צאָרן פונעם פאָלק ווערט אָפּגעלײַט,
ווען אויפטרייסלען עס זאָגן פאָר
די סייסמישע מכשירים ? . . .

אויף אַלע ברייטן פון גלאָבוס

ווי די שאָטנס אין מײַן צימער
ווען עס ריזלט דער אָוונט אַרײַן
אַ זאַלבנדיק־ווייכער,
אַזוי ציטערט אויף אין מיר דער זכר
פון מײַן טאַטן, וואָס וואָלט מײַן שאַנד
און מײַן וויי ניט איבערגעטראָגן,
ווען ס׳האָט דעם אכזרס שטאָלענע האַנט
מיך אַראָפּגעשטופּט פונעם וואָגן
אין עיפּוש־גרוב בגוואַלד;

ציטערט אויף מײַן מאַמעס געשטאַלט
וואָס האָט ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן
דעם אומקער פון זון — אָפּגענאַרטן,
באַטרוגענעם פון יענע
אונטער וועמעס פּאָן זיך בתמימות געשטעלט
צום מזל זיין שלימען,
און פון יסורים באַפרייט, אָפּגעשווימען
זי איז אין דער אַנדערער וועלט:

ציטערן אויף די ייִדעס־סילועטן
וועמעס גאַנצע לעבן איז געווען אַ זיך רעטן
פון רדיפות,
פון נויט,
פון פּאָגראָמען־געפאַר,

ציטערן אויף די שטימען אין צער
פון די שיינע זינגערינס — מײַנע באָבעס,

פון וועמען אַריבער צו מיר
פון זינגען די גאָב איז . . .

זייערע קבֿרים זענען צעזייט
פון מטורפֿן קריגס-הוריקאַן
אויף אַלע ברייטן פון גלאָבוס.

מײַן טאַטנס פּאַרזאָג

יאנקעלען — מײַן ברודער

מײַן טאַטע האָט געהערט צו שער און אײַזן,
נאָר געווען אַ משכּיל אין וויסן, אין באַנעם,
געשעצט ער איז געווען אין אַלע קרײַזן,
געשלינגען ביכער און די שאַפערס פּרײַזן
גאָר הויך ער פלעג, די בעלי שם,
זיי זענען דאָך דאָס זאַלץ
האָט ער געהאַלטן,
דאָס זעמלמעל פון פאָלק.

נאָר ווען מײַן נאָמען אויף די צײַטונג־שפּאַלטן
האָט גענומען זיך באַווײַזן, און אַ טאָלק
ער האָט געזען, ווערט פון זײַן זון,
און אַז סמיכה
געבן אים געריםטע לײַט,
האָט ער אין אַ פאַרנאַכט אונטער דער סטריכע
פון אונדזער שטוב, וווּ מײַן קינדהײַט
האָט געשמײַט,
געזאָגט מיט קול זײַנעם ווי זײַד :

דאָס וואָס דער אויסקוואַל פון דײַן ניגון
פון אַ ווײַטן אַנהויב גייט,
און אויפגעוועקט אין דיר אַרויפגעשטיגן,
זיך צעשפּריצט אין דורכזיכטיקע רייד,
דאָס מײַן זון מיך פרייט,
נאָר ווי איך זאָל ניט זײַן פון דעם צופרידן,
קלעמט פון זאָרג דאָס צווענגל מײַן געפיל :

ס'לעבט דעם פּיטן זיך ניט גרינג בײַ יידן,
אין מאַנגל, איינזאַם אָפּט
ער קלעטערט צו זײַן ציל;
דיר װעט אין װעג עגמת נפש אויך ניט פעלן,
װאָס אין טבע שטעקט פונעם באַרוף,
װעסט ליב זײַן װעמען
און װער דיר אונטערשטעלן
װעט אַ פוס אין אויפשטײַג־פּרוּװ.

עס װעלן זײַן פאַרדאַמער
און אויך לויבער,
װער אַ קטיגור,
װער דיר זײַן אַ שוץ,
נאָר דו פאַרהיט די קװאַלן דײַנע זויבער,
און ניט צעטרענצל דאָס געאַרבעטע גוטס,
און נאָך איין װוּנטש הער אויס פון טאַטן:
װאָס דיך ניט טרעפן זאָל, און װוּ
דער גורל זאָל ניט װאַרפן — נישט פאַרראַטן
קיין מאָל זיך,
זאָלסט בלײַבן שטענדיק — דו!

קינדווייז כ׳בין ביַי טאַטע מאַמע

קינדוויַיז כ׳בין ביַי טאַטע־מאַמע
אַ ציטערדיקס, אַ שוואַכס געווען,
געליטן קאַפּווייטיק — בלע״ז מיגרען,
אַ מיחושל וואָס כ׳האָב עס
געירשנט פון מיַינע שיינע באָבעס
זינגערינס און זאָגערינס זיי ביידע.

דער רופא האָט, ווי איך געדענק,
פאַרזיכערט אַז פון דעם געשענק
געגעבנס מיר מלידה,
אַרויסוואַקסן כ׳וועל מיט דער ציַיט;
מיט דער עלטער, מיטן שטייגער־ביַיט
פאַרשווינדן וועט די קוועלונג־קוועלע,
און ס׳האָט געזאָגט מיַין מאַמע:
הלוואַי,
און דער טאַטע — אָמן סלה!

געמוזט זיַין כ׳האָב געזונט און שטאַרק
ווי דער שוואַרצער שקלאַף געשמידטער
צו די וועסלעס פון דער קאַראַוועלע,
און ווי דער פאַקנטרעגער מיטן אָקסן־קאַרק
פאַר די קלעפּ וואָס ס׳האָט
דער גורל מיר געגרייט אָן גנאָד
אין כּף הקלע.

מיַין מומע

אין דאָרף כ׳פלעג קומען זומער צו אַ מומע
אויסלופטערן דעם קאָפּ פון גרויסשטאָט־קאָך,
פון די געשעענישן ערב דער מהומה
ווען די וועלט פאַרפינעט
פון דער היטלער־טומאה
אַ פאַראָטענע געזען שוין
זיך קײַקלען צו איר בראָך.

ס׳האָט געדאַרפט די נשמה דעם פאַרענדער
ווי די לופט דער גוף פאַרן געזונט,
אַ וואָך ניט צוגיין צו דעם ראַדיאָ־זענדער,
דאָס געטופּ ניט הערן פון די נײַע שענדער
פון וועלכע אין אייראָפּע
געטרייסלט זיך דער גרונט.

מיך האָט די מומע ווי אַ קינד געצערטלט,
געשטאָפּט מיט פּוטער, קעז פון וואָרעך פריש,
ס׳האָט געשמעקט מיט פּירות פון איר גערטל,
פון טויבנשלאַק אין מיטן הויף, די טערטל —
טויבן פלעגן קומען עסן פון מיין טיש,
און די ברעקלער אומדערשראָקן פּיקן
גלייך פון מײַנע הענט —
אַ באַסאַראַבער דאָרף,
מיט שטיל לעבן זיך צו קוויקן,
מיט קערנעצעס אין אַלע הייף און ליקן,
מיט בושלען אויף די קוימענס

וואָס האָבן אין די בליקן
די אַזערעס פון אַן אַנדער קאָנטינענט.
געפינען דאָרט די נשמה האָט אַ תיקון
וואָס האָט אין שטאָט
אין לײַכטזין זיך פאַרשווענדט.

דאָרט אין שקיעה־שעהען אַרום דאָרף געבלאָנקעט,
אין טאָל פאַרמאָניעט פון אַ פלויער־בליפ,
נאָכגעקוקט פאַרגאַפט אַ שיקסעלע,
אַן אַמזאָנקע,
וואָס צום פלויער־שפּילער אויף דער לאָנקע
אויף ווילדן פערד
ווי אַ פאַרכשופטע געהיפּט.

געוואָרנט ס׳האָט די מומע מיך:
„מיט דײַנע טעמעס
טריפענע צום דאָרפמענטש זיך ניט ווענד,
זיי ניט פּרוּוו אַרײַנטריפן דײַן אמת,
ניט אָפן, און אויך ניט מיט אַ רמז,
(זי האָט געוווּסט מיט וואָס
דער טאָפּ איז אָנגעבר׳ענט).

די דאָרפלייט אַלע זענען קנאָפּע לערנער,
זיי גלייבן נאָך ווי מ׳האָט זיי איינגערעדט,
אַז יידן האָבן אונטערן היטל הערנער
ווי אַשמדאי, דער שד.

דעפּאַר אַרויסגיין אויף דער פּראָמענאַדע

פלעג אין דאָרף איך מיט אַנטבלויזטן קאָפּ,
אַז קענען זען עס זאָל אַ ליאַדע
קינד, אַז מיך קיין הערנער ניט באַצירן
ווי דעם דאָרפישן קאַלטונעוואַטע צאָפּ . . .

דאָרט אין אָוונט ווען אין רוים צעבלענצלט
די שטערן זיך, בײַ מײַן טיש איך האָב
אַרײַנגעגליט מײַן חלום
אין אַ לידער־קרענצל,
מע זאָל אַמאָל ניט זאָגן אַז צעטרענצלט
כ׳האָב אומזיסט מייו יוגנט
און מיין זינגער־גאָב.
כ׳בין גוט געשלאָפן דאָרט
אָן שלאָף־געטראַנק, אָן פּילן,
פון פויגלשן כאָראַל
זיך אויפגעכאַפּט פּאַרטאָג,
דאָרט הייסער האָט דאָס בלוט געמומען שפּילן,
זיך אויסגעלײַטערט די צערודערטע געפילן,
דער גײַסט באַקומען לויטערקייט
און וואָג.

■

כ׳געדענק דאָס דאָרף, די ווינטמיל אויפן היגל —
די אַלטע מיל, מיט ווינטן אין געפעכט,
זי האָט פון לאַנג פאַרלאָרן אירע פליגל,
און ניט גוטע — מ׳האָט דערציילט
מיט שרעק און מיגל,
אַרגיעס דאָרט פראַוון אין די נעכט.

כ׳געדענק די כאַטעס און פון היי די סטויגן,
און בײַם ראַנד פון דאָרף — דעם סטאַוו
מיט אַ גרינער שימל־הויט פאַרצויגן,
און די פראַשן־אָראַטאָריע
מיטן באַקאַנטן טראַף.

כ׳געדענק דעם נאַקעטן ביים צווינטער־טויער
וואָס ס׳האָט אַ דאָרפמײַסטער
פון נוסן־האָלץ געשניצט ; —
ווי גאָרניט וואָלט געשען פון דאַן
דער פויער,
אין זיכערקייט, אין דויער,
ווי קודם דאָרט אויך איצט
אויף ערד זײַנער ער זיצט,
באַוואָרנט און באַשיצט.

נאָר זי, מײַן האַרציק־גוטע מומע
וואָס געבאָרן דאָרט אַ גרויס
און טומלענדיק געזינד,
וועמעס האַק פון אירע שכנים פרומע
האָט אין יענע טעג פון וועלט־מהומה
אײַנגעריכט זיך אין איר בלוט
וואָס שרײַט נאָך ביז אַצינד ? . . .

מײַן עצה

כאָטש בײַ אַ שטילן טײַך בין איך געוואַקסן,
שווימען ווי די זילבער־העכט צי לאַקסן
כ׳האָב ניט אויסגעלערנט זיך,
ס׳האָט בײַם ברעג מײַן טאַטע קינדווייז מיך
צוגעהאַלטן מיט אַ רימען.
אָבער דיך אין הילכות שווימען
עפּעס לערנען קען איך יאָ.

דיך ניט אַראָפּציען צום שוואַרצן דנאָ
ווען אין זידנדיקן לעבנס־ים
ווי איך אַמאָל, וועסט אַרײַנשפּרינגען,
און זיך מיט וואַסער ניט אָנשלינגען
וואָס די ליפּן ברענט זי מיט איר זאַלץ
ווען זי וועט גרייכן ביזן האַלדז,
און אויף די כוואַליעס זאָלסט זיך
קענען האַלטן, אויבן, —
מײַן ראָט איז דיר:
אין דײַנע כחות גלויבן,
ווי דער ספּאָרטלער אין זײַן שווים־פּאַרוועט,
און אויך אין דעם וואָס איז דיר אייגן,
און עקשנותדיק זאָלסט קלאַפּטער לייגן,
אויך ווען אין אַ געדיכטן נעפּל וועט
נאָך זײַן דער ברעג פֿאַרהוילן
פֿאַר דיין בליק,
און שווימען, שווימען צו דיין זיג
גלײַך דערשווימען גאָט אַליין האָט דיר באַפוילן.

די זאָלסט זיך אויפֿן דעמב פֿאַרקוקן

וואָס נאָך כ׳וויל זאָגן דיר, מײַן זון ;
די זאָלסט זיך אויפֿן דעמב פֿאַרקוקן,
בײַ דײַן טיר ער שטייט
אַ געשטרעקטער צו דער זון,
אין פּאַנצער אײַזערנעם
אויף ברוסט און רוקן,
אַ שטאָלצער, ניט געוווינטער זיך צו בוקן,
פֿון זיידעס נאָך געפּלאַנצט.
אַרײַנגעוואַקסן דאָ איז פֿעסט
מיט וואָרצלען מעכטיקע אין גרונט ער,
און פֿייגל־זינגער זייער ליד־פֿאַרמעסט
ווי אין אַ קאָנצערט־זאַל
האָפֿערדיק און מונטער
פּראַווען אין זיין קרוין
דער צווײַגן־בונטער.

ווי ער אין גרונט
שרויף זיך אַרײַן אין צײַט
און וואַקס אַרויף,
און ווי ענלעכע עס זענען
מיט אַלץ צו אים זײַן דעמבעלער־פֿאַרבײַט
וואָס שטיפֿן בײַ זײַן זײַט,
זאָלן זיך פֿון דיר די יוירנדיקע גענען
אויך אין דײַנע יורשימלער דערקענען.

מײַן פֿאַרגרעסער־גלאָז

ס׳איז פֿאַרפֿאַלן מײַן פֿאַרגרעסער־גלאָז
מיט דעם איך האָב זיך דורכגעקליבן לײַכטער
אין שריפֿטן מיט אַ מיקראָ־דראַבנעם אות,
און געוואָרן כ׳בין מיט אַ געדאַנק באַרײַכטער,
און אַנטציפֿערט אַ פֿאַרהוילענעם באַגריף
און דערהערט דאָס נאָגנדיקע טיף
נשמה־קוואַליקע געבלעזל.

כ׳האָב די שטוב איבערגעקערט
און ווי אַרײַן ס׳איז אין דער ערד
נישטאָ דאָס כשוף־גלעזל.

קומט אין אָוונט מײַן אייניק פֿון געיעג,
ס׳האָט צו לאַנג אין דרויסן
זיך פֿאַרזאַמט ער,
און פֿון התפּעלות אַ צעפּלאָמטער
ער לייגט מיר אויפֿן טיש אַוועק
מײַן שפּאַקטיוול, די אַבידה.

זײַ מיר מוחל, זיידע.
כ׳האָב דאָס גלעזל אויף אַ רגע נאָר
ניט פֿרעגנדיק גענעמען,
און דיך געזען דורך דעם
אַ גרעסערן ווי אין דער וואָר
מיט די בעזעמלעך פֿון דײַנע ברעמען,
דערנאָך אַרויסגעקוקט אין שקיעה־זײַט

און ניט געגלויבט די אויגן
זיך דערנענטערט האָט צו מיר די ווײַט
ווי פֿון אַ כּשוף צוגעצויגן . . .
האָט מיך באַהערשט אַזאַמין דראַנג
אַזאַ פֿאַרלאַנג — ניט צו באַצווינגען,
אויף יענעם שטערן וועמעס הימל־גאַנג
שפּיר איך נאָך אין זײַנע אָרעאָלע־רינגען,
דערנענטערן צו אונדז פֿון טיפֿן רוים,
אים אַראָפּברענגען אויף אונדזער בוים
ער שײַנען זאָל אונדז ביידע, —
ווערסטו די זינד מיר ניט פֿאַרגעבן, זיידע ?

באַטיושקא איסיַי

בײַם ברעג פֿון טײַך װעלכער צעשענקט
די פֿליינען דאַרשטיקע
פֿון זײַנע װאַסערן די זיסקייט,
װוּ קינדװײַז
(אָ, װי גוט דאָס זיך געדענקט)
כ'האָב מעשה פֿישער מיטן װענדקעלע פֿאַרברענגט,
און אין זײַנע כװאַליעס זיך געפּליסקעט,
דאָרט כ'האָב דערזען די װעלט,
די װעלט, די װעלט
װאָס האָט אין װיגל מיר שױן אױסגעשטעלט
פֿאַר די רעכט צו זײַן גערודפֿט און געקװעלט,
אַ גאָר הױכע איסקע . . .

פֿאַרמאַך די אױגן איך און באַלד
כ'דערזע דאָס שטעטל װי אױף דער דאַלאָניע,
מיטן שטייגער,
מיט דער נױט,
און מיטן פּחד אױך פֿאַר דער געװאַלט
פֿון בראָנפֿנדיקן פּאָניע.

אַ שטעטל װי געװען אַ סך
אין באַסאַראַביע ביזקל דעם אומגליק־װיכער ; —
פֿון דאָרטן פֿלעגן בעל עגלות
מיטן ברייטן שליאַך
פֿאַרשװינען פֿירן קיין קעשענעװ דעם כרך —
(הײַנט זענען דאָ זיי אין די יזכור־ביכער)

מיט פינעף שילן און אַ קלויז אין ליק,
און, להבדיל, מיט אַ קלויסטערל
וואָס מ׳האָט לכל הדעות,
איבערגעבן ווי אַן אורצײַטן־אַנטיק
פון לאַנג געמעגט אין קאַנט־מוזייעס.

געהאַט דאָס שטעטל אויך בית עלמינס צוויי
וואָס פון באַרג אַראָפּגעבלענדט
מיט דעם מצבות־אַלעבאַסטער;
(אין מלחמה־צײַט האָט מען מיט זיי
ווי אומעטום די טראָטוארן אויסגעפלאַסטערט,
און ווען אויף קבר אבות, פון דער וועלט
כ׳בין געקומען נאָך דעם בלוט־געוויטער
האָבן אויף דעם הפקרן שטיק פעלד
בהמות זיך געפיטערט).

אַ שטעטל, צו דער גרענעץ צוגעשטופּט,
פון דער וועלט אַ זײַטיקס,
ווי פּאַרפאַלן,
ווו ציגן האָבן דעם דאַרן סכך געצופּט
פון שטיבלעך קרומע
ווי אָפּקאָפּירטע בײַ שאַגאַלן.
מיט אַ באָד פאַר אָרעם און פאַר רײַך,
מיט אַ וואַסערטרעגער,
וואָס אויך געלייגט דאָרט פײַער,
און שבת־גוי ער איז געווען צוגלײַך,
און אויך דער שטעטל־שרײַער;
מיט קרעטשמעס ווו נאָכן יאַריד

פאַרהוליעט ס׳האָט דער מאָלדאָוואַן
אַ זומער האַרעוואַניע,
מיט קרעמלער באַקאַליי און שניט,
מיט יידן אין מלאכות אַלערליי געניט,
קאָוואַלעס וואָס וועגענער געשמידט,
סטאָלערס וואָס זיך מיטן שווייס געמידט
פאַר דער בידנער לחמא עניא;
עמך־מענטשן פּראָסטע ווי אַ מודה אני,
מיט דינאַסטיעס שנײַדערס —
אַ צווייג כ׳בין פון דעם שטאַם,
פון זיי האָב איך געאַרבט מיסתם
דעם לידער־פלאַם,
די ליבשאַפט צו אַ קלינגענדיקן גראַם,
און פון אַ ווערטל און אַ וויץ דעם טעם,
פּורים־שפּילערס
און קבצנים פריילעכע מלידה.

מיט שטאָלץ דערמאָן איך אַז אַהין
געבראַכט דעם ערשטן ניימאַשין
האָט מיין, מיט זײַן שאַרפזין
זיך רימענדיקער זיידע.
דריי טעג ער האָט אים פון אָדעס
געפירט אין בעל־עגלה־וואָגן,
מיט דעם האָט דאָך צו דעם פּראָגרעס
אַזוי צו זאָגן,
מײַן זיידע בײַגעטראָגן.

נאָר דאָס מיט וואָס סע איז באַרימט

דאָס שטעטל מײַנס געוואָרן,
דאָס איז די עובדה דאָך באַשטימט
וואָס געהאַט ס׳האָט דאָרט צוריק מיט יאָרן
זײַן סטאָלעצע אַ גוטער ייִד,
דער צביעות־קרבן, דער באַרימטער „ליעווער״.

הײַנט געדענקט שוין קיינער ניט
יענעם סקאַנדאַל, דעם זעקת שבר
פון דער אַרמיי חסידים
אויפן גאַנצן ייִדישן צעשפּרייט
פון פּאָניע־לאַנד
און ביזן לאַנד פון קירע;
זײַן פאַרשטאַנד, לויט זיי, פאַרדרייט
די סטרא אַחרא האָט, און מאָדנע רייד
ער אָנגעהויבן ריידן פון וועלכע ס׳האָט געוויט
מיט ריחות פון אַ פרעמדער מירע,
וואָס מיינט — מיט כפירה . . .

וואָס איז ניט דאָן וועגן דעם פאַל
גערעדט געוואָרן און געשריבן,
טײַלווײַז אמת, ווי מע זאָגט —
דאָקומענטאַל,
און אַ סך, אַ סך איבערגעטריבן,
וואָס מער צום אויסגעדמיונטן געהער.
ווער געטאַדלט האָט דעם צדיקס קער
אויף וועגן אַנדערע צו גאָט, און ווער
צו גונסטן אים געטאָן דערקלערן.
ווי מיין זיידע אויך וואָס האָט אין רבינס גאַנג

געזעגט אַ מענטש פֿון מוט און קעגן צוואַנג,
און אומרעכט ער אין קינדער־האַרץ
געוואָרפֿן האָט דעם קערן.
פֿון יידן כ׳ווייס אויך אַז אַ קריסט
האָט נאָך רב בערעלעס אַנטרינען,
אָפּגעקויפֿט דעם הויף פֿאַר האַלב אומזיסט,
און עמך האָט אַ טרייסט געפֿינען
אין לעגענדע וואָס געשפּינען
און דעם צער זײַנעם פֿאַרזיסט,
אַז אַ שׂריפֿה האָט דעם הויף פֿאַרוויסט
בײַם באַלעבאָס דעם נײַעם,
און לויט די פֿרומע לײַט
האָט דאָס באַטייט
אַז דאָס אָרט די טומאה ניט פֿאַרלײַדט,
און איז אַ ווונק מן השמים...

אויף אָט דעם פּאָן האָט פֿרעמדע,
פֿאַרשטויסן אויסגעזען, פֿאַרשעמט
דאָס קלויסטערל דאָס קליינע,
מיטן נאַקעטן בײַם טויער — הויט און ביין,
ווי יידן, ווען געמוזט פֿאַרבײַ עס גיין
פֿלעגן אין די בערד אַריין, צווישן די ציין,
טאָן שטיל אַ שאַמקע:
שקץ תשקצני...

■

אין אָט דעם קלויסטערל
אין טשאַד פֿון חלב־ליכט

האָט טאָג נאָך טאָג די תפילות אָפּגעריכט
דער באַטיושקא איסײַ.
ס׳איז מיט זײַן בלאָס געזיכט —
מיט יעדן שטריך איך קאָן עס,
געווען ער ענלעך
צו די אַפּאָסטלען בערדיקע
אויף די אָפּגעבליאַקעטע איקאָנעס,
ווען ניט זײַן בליק —
אין אים אַ זינדיק שדל האָט געשטיפּט,
פֿאַרווונדערט און פֿאַרבליפּט
די צניעותדיקע ווײַבער,
צעטומלט ווערן פֿלעגן ניט אומזיסט
ווען דורך אַלע קליידער דורכגעשפּיזט
האָט זײַן בליק זיי ביז די פּעטע לײַבער.

אַז אָן השגחה צו אַ לאַנגע צײַט
נאָך דעם וואָס ס׳איז דער אַלטער פּאָפּ געשטאָרבן
ניט ווערן, חלילה
זאָלן גאָטס שעפּעלעך פֿאַרדאָרבן,
ניט פֿאַרקריכן ערגעץ אין אַ זײַט
פֿאַרפּירטע פֿון ניט גוטן
דעם זינד־נעץ־שפּינער,
האָט מען אים געשיקט צו אַ פֿאַרבײַט
פֿון אַלטן קלויסטער־דינער.

אַ יינגל נאָך צעוואַקלט און צעשטרײַט,
אַן אומדערפֿאַרן־גרינער,
איז ער געקומען גלײַך פֿון סעמינאַר,

דאָס יונגע האַרץ פֿול מיט חלומות־זשאַר,
דער ריַיפֿקייט־אַטעסטאַט אין דער וואַליזע,
און צווישן ביכער און פּאַפּירן־פּאַק,
פֿאַרבאָרגן פֿון די אויגן פֿון צבֿועק
ווי אַ קראַמאַלע־שריפֿט
דאָס בילד פֿון מאַנא ליזע.

ווי ס׳האָט אין יינגל־האַרץ פֿון שרעק
דאָס האַרץ מבֿולבלע געשלאָגן,
אין קאָפּ געגרילצט דער צווייפֿל
ווי אַ זעג,
צי נעמען שוין אויף זיך ער מעג
אָט די אַחריות,
וועט ער זי קענען טראָגן
כאָטש מ׳האָט אים לאַנג צו דעם געגרייט ;
וועט קענען ער צו גאָט
די בלאַנדזשערס ריכטן,
און פֿון גוטס דעם קערן ציכטן ?
און וועלן איבערציַיגונגס־כּח
האָבן זיַינע רייד
צו טרייסטן, צו פֿאַרדאַמען, בענטשן,
און לינדערן אויך נשמה־לייד
ווען נאָך אַ טרייסט און נאָך באַשייד
צו אים עס וועלן קומען מענטשן ?
איז פֿאַר זיַינע אַקסל יינגלשע דער עול ?
וועט אים כּח געבן די סוטאַנע
פֿאַר גאָט זיך שטעלן
אויך מיט מאַנונג און מיט טענה ?

נאָר אַרײַן דאָס יונגע פּאָפּל איז אין ראָל
און דעם ציבור געווינען בהדרגה,
זענען דאָך געלאָפן קינד און קייט
זײַנע דרשות הערן אין אַ חגא;
ס'האָט פון זײַנע רייד
מיט עולם הזה־פרייד,
און ניט מיט גיהנום־אַנגסט געווייט
מיט וואָס ס'האָט תמיד זיי געשראָקן
דער שוכן עפרדיקער זקן,
און מיט זײַן פירונג און פאַרשטאַנד
געוואָרן איז ער ווײַט באַקאַנט
אַרום דעם שטעטל — אַ שם דבר,
אין אַלע דערפעלער פון קאַנט
דעם בלייַקן, מאָלדאַווער.

איך ווייס ניט צי געגלויבט ער האָט
ווי זאָגט מען — באמונה שלימה,
צי מיט צווייַקע געפילן איז צו גאָט
געגאַנגען ער, מיט אייגענע, געהיימע,
צי אויך אים געטרייסלט און געקוועלט
די טרוימען האָבן וואָס באַזעלט
דאָס פאָלק ראָסייער
אין יענע יאָרן טריבע, —
נאָר צו גאָטדינסט
האָט ער קיין מאָל ניט געפעלט,
און פון אַלטאַרל אָרעמען אין גאָטס געצעלט
געפרײדיקט ברודערשאַפט און מענטשנליבע.

מזווג פֿאַרלער דאָרט געווען,
אין טעג פֿון שמחות,
און אין טעג פֿון קומער,
פֿרעפֿלען מיט זיין סאַמעט־באַס, ער פֿלעג,
אַ שליח פֿאַר זײַן עדה פֿרומער,
און האָט פֿון טרוקעניש אַ זומער
זיך געמאַכט,
און די ערד פֿאַרשלאָסן האָט איר טראַכט
און ס'איז ניט אויפֿגעגאַנגען אין די טאָלן
מיט כוואַליק־גילדענעם געפֿלייץ
דאָס ברויט אין פֿרילינגפֿרי פֿאַרזייטס,
און דער מענטש פֿון הונגער איז געשוואָלן,
און שאָף און פֿי אין אָפּגעסמאַלעט־גאָלן
פֿעלד
ווי באַשעפֿענישן פֿון אַן אַנדער וועלט
געבלאָנקעט זוכנדיק אַ גרעזעלע, אַ ברויזל,
האָט ער גענומען אין די הענט דאָס יויזל,
און אָנגעטון אין דעם כהונה־שמוק
אין שפּיץ פֿון טרויעריקן צוג
מיט די צלמים און חפֿצים אַלע
קלויסטעריש־סאַקראַמענטאלע
אַרויס אין פֿעלד און מיט זײַן באַס
גערופֿן צו דעם זיצער אין די הייכן,
ער אָפּוווענדן זאָל פֿונעם פֿאָלק זײַן כעס
און געבעטן רחמים האָט ער
און אויף טל ומטר...

פֿאַרמאַגט מאַגנעט האָט זײַן געשטאַלט,
פֿראָסט אין פֿירונג און אין רעדן
האָט ער אַ גוטסקייט אויסגעשטראַלט
מיט וואָס ער ליב געווען איז יעדן,
ווער ס׳איז מיט אים געקומען אין באַריר
און יידן אויך.
ביי פֿיל פֿון זיי דאָך פֿלעג ער
ווי אַ בן בית אויפֿמאַכן די טיר
אָן מינדסטן צעגער.
אים געווינען האָבן זיי אַלץ מער
מיט די מידות וואָס אין זיי באַוווּנדערט,
מיטן געדאַנקען־גאַנג און דרייסטן קער
צו די פֿרילינג־ווייזונגען
אויף דער שוועל פֿונעם יאָרהונדערט,
וואָס אויך אין זײַן נשמה
דערצויגענער אין דבקות פֿון אמונה
האָבן אָנגערירט אַ דינע און געהיימע סטרונע,
און ווען, ווי צווישן קלינגלער פֿון אַ שער
ס׳איז צווישן סתירהשע געפֿילן ער
פֿאַרקלעמט געווען,
און אָפּרו האָט געגאַרט דאָס גאַנצע וועזן,
פֿון די פֿליכטן גײַסטלעכע
זיך פֿאַרטײַען, פֿון דעם יאָר,
פֿלעג ער אַוועק צו זיי,
פֿאַרברענגען בײַ אַ שאָך,
מיט די מחשבות פֿאַרטײַעטע זיך טיילן,
און אַ שמועס פֿירן געמיטלעך,
וואָס אין תוך

געווען איז וועלטלעך,
פרײַ פון פאַראורטיילן . . .

אַ שולד־געפיל האָט ווי אַ שטיין
געדריקט ווײַזט אויס זײַן האַרץ,
אים ניט צו רירן,
אַ שולד־געפיל, ניט קעגן גאָט, אַ, ניין,
נאָר קעגן זיך אַליין,
וואָס, אַ ביימל נאָך אַ דינס,
זיך געלאָזט פון זײַנע לערערס בייגן
זיך אָפּזאָגן פון דעם
וואָס איז געווען אים אייגן,
ווען זײַן לעבן אַנדערש זיך געמאָלט,
און וואָס געפאָלגט דעם טאַטן, כאָטש געוואָלט
דער טאַטע האָט אַ טאַלק אין יינגל זען,
מיט אַ זיכערער פרנסה,
ער זאָל די ערד ניט דאַרפן
רײַען מיט דער נאָז
ווי דורות פויערים, די זיידעס זײַנע, וואָס
באַרוועסע, אין דער באַגינען־ראָסע
האָבן זיך געמידט אויף איר
מיט דער סאָבע און דער קאָסע . . .

צו עפּעס אַנדערש האָט ער דאָך געשטרעבט
פון קינדהײַט פריִסטער,
זײַן גורל וואָלט זיך אַנדערש אויסגעוועבט

ווען ער אויף זיך וואָלט ניט אַרויפגעשלעפּט
דאָס כהונה־קלייד פון פּריסטער,
און אַנדער גאָט וואָלט ער אַצינד
מיט פרומקייט און עקסטאַז געדינט —
אים האָט אין שיינקייט זיך אַנטפּלעקט ער
אין כשופדיקן פאַרבן־ספּעקטאַר
וואָס האָט דאָס יונגע האַרץ פאַרבלענדט,
פאַרצויבערט מיט די ריחות אירע,
מיטן ווונדער וואָס מע רופט — יצירה.
ס'האָבן אים די ברכה פון טאַלענט
געשענקט אַ פולע מאָס די געטער,
צורירן זיך פלעג ער דאָך צו דעם פּאַלעטער
ווי צו קדושה, די פּענדזלען אין די הענט
מיט ציטער פרומען
האָט תמיד ער גענומען
אַ באַהערשטער, ווי אַ געצנדינער,
ער נאָר צו מאָלן האָט געגאַרט,
דאָס איז געווען האַזאַרד
וואָס ביז דער עלטער
איז ניט געוואָרן מינער.

טאָג נאָך טאָג, ווען די זון
צום האָריזאָנט האָט צוגעראָלט,
פלעג נעמען ער די פּענדזלען, ס'פאַרבנבערעטל
זיך אָוועקלאָזן איבערן שטעטל,
אָפּזוכן אַ ווינקל און געמאָלט,
געמאָלט אַ געסל אין פאַרנאַכטנגאָלד
מיט האַרץ פאַרגאַפטן,

פאָרטרעטן, נאַטורמאָרטן, לאַנדשאַפטן,
ס׳האָט פאַר פערספעקטיוו און פאַר קאָליר
געפיל אַ סך געהאַט ער;
בלויז מיט איין פענדזל־שמיר
אַרויסגעבראַכט דעם הימל אויף פאַפיר,
דעם שפרונג פון כוואַליע,
דעם מענטשס נשמה־פלאַטער
און זיין פאַרטייעטן געדאַנק;
געגאַפט ער האָט פאַרגאַפעט
ווי די מילב זיך דראַפעט,
קלעטערט אויף אַ זאַנג,
און אויך פון פרויען־רייץ
האָט זיך ניט אָפגעקערט ער,
און כאָטש דאָס האָט לחלוטין
ניט געפאַסט זיין ראַנג,
געשעצט הפנים די גן־עדן־שלאַנג
וואָס רייצט די תאווה
צו דער פרוכט פאַרווערטער.

■

ס׳האָט דאָס בילד געהאַנגען פון אַ ייד
ביי אים אין צימער, איבער זיין געלעגער;
קוקנדיק אויף דעם, די ערשטע טריט
אין שטעטל זיך דערמאָנענען פלעג ער.
ס׳איז דער אָנהויב אים געווען ניט לייבט.
דורך די געסעלעך אַרומגעשלייכט
ער האָט זיך, אַ פאַרחלומטער מתבודד,

גלײַך זײַן האַרץ —
צעטומלט און צעהוידעט
וואָלט געזוכט אַ גלײַכגעוויכט;
ער האָט אין יעדן באַגעגנטן געזיכט
זיך אײַנגעקוקט פאַרחידושט,
און איין מאָל בײַ אַ גאַניקל אַ יידיש
געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט.
ער האָט דערזען דעם ייד;
אין גאָלדיק־ראָזן בין השמשות־נעפל
איז ער געזעסן אויף אַ טרעפל
ווי דער נביא ביי דעם טויער
פון דער נצח־שטאָט,
אין די אויגן דער נבואה־פלאַקער,
דאָס פנים זײַנס צעאַקערט
און צעשניטן,
גלײַך אַלע עקידות וואָס ס'האָט אויסגעליטן
זיין אומה, אין לאַנגן צײַט־פאַרלויף,
האָבן זיך פאַרקריצט דערויף.
מיטן בליק זיך אײַנגעזויגן
אין דעם ייד, און אויפן צייכן־בויגן
גענומען צאַפּלען האָט זײַן האַנט;
אַזאַמין קאָפּ — איז אַ געדאַנק אים דורכגעפלויגן, —
איז דאָס פענדזל ווערט פון אַ רעמבראַנד,
און ער אין דער סוטאַנע שוואַרצער
פון כהונה
וואָס שטיקט אים ווי אַ קונע,
וואָס איז ער? קוים אַ דילעטאַנט...
פירט ער ניט אומזיסט די פאַרבן איבער?

געשלונגען מיט די אויגן דאָס מאָדעל,
אונטער זײַן פּנים פֿאַרמעט־געלן
געזוכט די בלעזלדיקע וועלן
פֿון זײַן יידישער געפּלאָגטער זעל,
זײַן האָפֿנונג טויזנטיעריקע,
זײַן שטרעבן.
און ווען מיט דעם פֿאַרזשמורטן בליק
באַטראַכט דאָס בילד פֿאַרענדיקטע,
פֿון גליק
דערפֿילט זיך אַזוי לײַכט,
גלײַך פֿליגל אָנגעוואַקסן אים
צום שוועבן.

געקנעלט אַ חוץ רעליגיע מיט אַ שפּאַס
האָט ער מיט אונדז אין שולע
אויך לאַטיין — ניט צו באַדאַרפֿן,
און אויף די צאַפּלדיקע באַקפּישלער אין קלאַס
אַ כיטרע עולם הזה־בליק געוואָרפֿן
און זעענדיק דערשטוינט
ווי איבער פּרילינג, גיך,
אומבאַמערקט זיי אויפגעגאַן, צו לײַטן,
מיט רייץ מיט ווײַבלעכן, האָט ער אין זיך
צו אַ געדאַנק געשמייכלט אַ פֿאַרשײַטן,
און אָפּט מאָל אומגעריכט,
ווי אַ גוטער דבוק וואָלט די שליטה
גענומען איבער אים,

אין מיטן אונטערריכט
מיט אויגן פון זעונגען צעגליטע,
האָט ער אַ בלײַ, צי קויל, אַ שטיפט
אַרויסגעשלעפּט פון זײַן מכשירים־בינטל,
און ווי פאַרבליפט
געציקלט און געפּינטלט,
און צורהלער האָבן אין זײַן העפט
לאַנגזאַם זיך אַרײַנגעהעפּט,
מאַדאַנע־קעפּעלער ווי ליאַלעס,
ענלעכע צו זײַנע שילערינס
מיט אַלע זייערע מעלות
וואָס אונדז פלעג ברענגען
אין התפעלות.

מיט יאָרן שפּעטער קומען אָפּט צו געסט,
נאָך אַלערליי אַרויפן און אַראָפּן
אין שטעטל פלעג איך, אין מײַן קינדהייט־נעסט,
זיך פאַרריכטן פון דער מאַמעס קעסט
מיט וועלכע זי פלעג מיך שטאָפּן.

ס'איז גוט מיר אין דער היים. איך קריך
ווי אין אַ טײַך אַרײַן אין רו,
טו תענוגלער אין איר זיך טיקן.
דער מאַמעס אַטעם כ'פּיל ווי אַ באַלזאַם אויף זיך ;
און אירע צערטלענדיקע בליקן.
נייגעריק און שטיל זיי פאַרשן מיך

וואָס פאַר אַ דאגות צוגעגעסענע מיך פּיקן
גריזשען מײַן געמיט און מײַן געדאַנק.
וואָס אָפּגעצערט איך בין,
מײַן אויסזע קרענקלער,
און צי ווי יענער דיכטער מיטן שם
דער אומפאַרבעסערטער באָהעם
כ׳פאַרברען ניט מײַן געזונט
אין די בוקאַרעשטער שענקלעך ?
און אפשר איך ניט שפּײַז מיך צו דער זעט
ווײַל עס קאָרמעט ניט דעם יידישן פּאָעט
פון ווערטער־דימענטלעך
די שלײַפער־מי אים,
און כ׳מאַטער שווער מיך פאַרן קיום ?

זי איז קאָכן, באַקן ניט געוואָרן מיד,
פוטער גיסנדיק אין מיר און האָניק,
אָנגעקוועלט פון מײַן יונגן אַפּעטיט,
און זיצנדיק דערבײַ, מיט קלוגשאַפט און געניט
געשילדערט מיר די גאַנצע שטעטל־כראָניק.

ווער רייך געוואָרן איז
און צו דער מזרח־וואַנט
צוגערוקט מיט חוצפּה זײַן באַלעמער,
און ווער אַראָפּ ס׳איז פונעם שטאַנד
— סע ברענט דער קריזיס דאָך אין לאַנד —
און „ס׳שטעלן" זיך די אָרנטלעכסטע קרעמער,
און כאָטש דאָס איז אַ סוד
פאַרמערט די צאָל זיך האָט
פון די בסתר־נעמער.

דאָס יונגוואַרג מיט אַ ווײַטן בליק
זאַט פון יידן־האַס,
פון לעבן וואָס דאָ ווערט
אַלץ ביטערער און אײַנגעשרומפּן,
אַנטלויפט איבערן ים,
אין לאַנד פון אונדזער וויג
אויסצוקעמפן עס בײַם מדבר
און בײַ זומפּן.

מע פּראָוועט חתונות און בריתן אויך;
אַגב,
אויך דו מעגסט ווערן שוין געשטעלטער,
— האָט זי געציילט די ווערטער מיטן טראָף —
אויפהערן נאָך בלאָען פויגל דאָס געלאָף,
אַ משפּחה ווי בײַ לײַטן זיך באַשאַף
ווי צײַט מײַן זון ס׳איז אין דיין עלטער.

אוי, די מאַמעס וואָס פאַר אונדז
אויף גרעסטן קרבן זענען גרייט,
אין וויפל עוולות קעגן זיי
מיר זענען שולדיק:
זיך אויסריידן זי האָט פאַר מיר געוואָלט
נאָך צו לאַנגן צעשייד,
און איך אַרויסגיין געווען בין אומגעדולדיק.
צו די חברים מיט ווענען אויף איין באַנק
בײַנאַנד געזעסן כ׳בין אין שולע, —
ווענען צו הצלחה ס׳האָט געפירט זײַן גאַנג,
און ווער — ווי ס׳איז דערגאַן אַ קלאַנג,

אין לעבנס־ים אַרײַנגעשפּרונגען
איז מיט יונגן דראַנג,
און אומגעקערט זיך מיט צעפּליקטן חלום
ווי פון די ציין פון אַן אַקולע . . .

די מאַמע וועט מיר מוחל זיין, זי וועט
מיר ניט צושטעלן קיין עוולות־צעטל,
איך זאָג איר צו זיך אומקערן ניט שפּעט,
און באַקוקן כ׳גיי אַרויס מיין שטעטל . . .

ס׳איז געווען פּאַר נאַכט. נאָך אַ רעגן־שפּריי
ס׳האָט געשמעקט פריש־זומערדיק אין דרויסן;
אין קלויסטער־ליק אויפן באַטיושקא איסיי
האָב איך מיך אַנגעשטויסן.

נאָך שלאַנק און פעסט האָט ער גענענט
און כ׳האָב מיט דרך ארץ דאָס קאַסקעטל
אַראָפּגעבאַפּט פון קאָפּ.
מיך באַלד דערקענט
האָט ער געזאָגט: אַהאַ, אַ גאַסט אין שטעטל,
ער האָט מיט מיר זיך אָפּגעשטעלט,
און צווישן אַנדערע זאכן אָן אַן ערך
האָט ער געפרעגט
(זיין קול ביז איצטער הער איך)
צי דאָס וואָס מ׳האָט מיט מיר געקנעלט
האָט געהאָלפן מיר געפינען צו דער וועלט,
צו מענטשן און צו זיך אַליין, אַ דרך?

וועגן מיר צו אים דערגאַנגען איז אַ קלאַנג
אַז נאָך קינדורייז, אונטער טאַטנס סטריכע,
פאַרקויפט כ׳האָב מיך דעם געטלעכן געטראַנק
וואָס דיכטונג הייסט און אַז סמיכה
און געגנאָד דער מוזעס איך געניס
און אויך פון מענטשן בעלי דיעה.

יאָ, יאָ, ס׳איז אים באַוווּסט,
דאָס שאָפן איז
צו אַלע טרויערן אַ פּאַנאַציע,

און נאָך ער ווייסט: די מוזע ברענגט
אין רום־גן־עדן נאָר דעם
וואָס זיך ניט טיילט
צווישן אַ רחל און אַ לאה,
אַז איַיפערזיכטיק די געגנאַרער זי ניט שענקט,
און נקמה נעמט זי ווי מעדייע . . .

ער האָט געאײַלט צו זײַן כהונה־פליכט
אין קלויסטערל מיטן נאַקעטן בײַם טויער,
נאָר איך געדענק: זײַן בלאָס געזיכט
האָט זיך אַ קרום געטאָן
ווי פון זעלבסט־באַדויער:
און מיר איז קלאָר געוואָרן דאָן
אַז די רייד וואָס ס׳האָט דער אַלטער מאַן
געלאָזט מיך הערן,
אַ ווונק זענען געווען אויף זיך אַליין,
אויף זיין שולד, דער דריקנדיקער שטיין,

וואָס געלאָזט זיך קערוועןניט אַהין
וווהין גערופן יִנגווײַז אים זײַן שטערן.

גענעסן איז דער אַלטער באַטיושקא אין סאָד
מיט וועלכן ער אַליין איז זיך מטפּל,
זיך אײַנגעהערט אין יעדן בלעטל־צאַפּל,
און אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם ריחות־גנאָד
פון עפּל־ביימער, אַבריקאָסן, פלוימען,
פון די זיסע זאַפטן וואָס אין פּירות שוימען,
און האָט געקלערט:
עס איז צו גלאַט,
פאַרביי דאָס לעבן זײַנס,
אָן עפּעס יוצא דופן,
אָן גרויסע איבערלעבונגען,
אָן פאַסירונגען כמעט,
ווי אין אַ מעשה־ביכל
אין דעם עס טוט די האַנדלונג זיך פאַרלויפן
אָן דראַמאַטישן צעפּראַל,
אָן אויפטרייסלען, אָן נײַנטן באַל,
אַז מוזן זאָל ער האַלטן פעסט פון זעגל
די אויפגעשפּאַנטע שטריק,
זיך מוזן ראַנגלען פאַר זײַן גליק
מיט מוסקלען און מיט נעגל.

ס'האָט דער שטייגער צו דער ערד
אים צוגעדריקט, פאַרזויגן,

און אויך זי מיט די לײַגנדיקע אויגן
וואָס זיינע פליגל האָט באַשווערט
און אים אַראָפּ, אַראָפּ געצויגן
פון זיין שיינעם חלום־פלי,
און באַרויבט זײַן איידלע גאָב האָט זי
און פון שיינקייט־גאָר דעם פיבער,
ווי דלילה אויף אירע תאווה־קני
דעם גבורה־סוד פון גבור.
געוועזן פול כשוף איז די נאַכט,
נאָר אין געמיט געגרימט באַדויער; —
פון ווײַטן פעלד דערפלויגן צו זיין אויער
זענען לידער יידישע, דאָס האָט פאַרבראַכט
דאָס יונגוואַרג שטעטלשע אַרום אַ שײַטער,
אַזוי מיסתם — האָט ער געטראַכט —
אין חומש־צײַט, אין ווײַטער
ווען אין זעק שוין אָנגעשיט
דאָס גערעט געליגן אײַנגעשײַערט,
מיט טענץ און מיט געזאַנג
דעם סוף פון שניט
האָבן די אבות זייערע געפײַערט.

אַ געדאַנק געגריזשעט האָט דעם גרײַז:
צי דען אויך זיי ווי זייערע זיידעס
באַשערט איז צאָלן, דור נאָך דור באַנײַס,
פון בלוט דעם פרײַז,
אין דער וועלט פון רשעות און עקידות.
בלוט און בלוט.
צי קיין מאָל דען זיך וועט

דער שענדלעכער חשבון ניט פֿאַרשליסן,
וואָס מיט זיי, פֿאַר יענעם אַלטן חטא
וואָס ניט דערוויזן איז —
די קירכע פֿירט פֿאַרביסן,
און מע הערט ניט אויף זיי צו פֿאַרמיאוסן
ביי דער וועלט, אויף אויסוווּרפֿנס באַראַט
זיי וואַרפֿן, ווי מע וואַרפֿט
די אינדיין צו דעם טיגער אין די ציין . . .
איז דאָס דער ווילן דען פֿון דער השגחה?

טראַכטעניש, טראַכטענישן . . .
זיצנדיק אַליין
אין זײַן סאַד ווען ס׳האָט דער פֿליגל־פּאַכע
זיך אײַנגעשטילט אין די צווײַגן —
אין ריחות־טשאַד
וואָס אויסגעדעמפּט ס׳האָט יעדער בלאַט,
איז פֿאַר זײַנע אויגן דורכגעשווימען די עפּאָכע,
די זכרון־טאַשמע זיך געדרייט צוריק,
צוריק צום אָנהויב,
ווען דער שטורעם זיך געוועקט
אין פֿאָלק און די גאַרעניש צו פֿרײַהײַט,
ווען אַ וואָלקן אַ פֿינצטערער ווי בלײַ האָט
גאַנץ רוסלאַנד צוגעדעקט,
און פֿון אים אַרויסגעשטעקט
ס׳האָט די האַנט די בלוטיקע
פֿונעם פֿאַרזעעניש פֿאָן פּלעווע.
ער האָט געדענקט דעם יִיאוש און דעם צער,
נאָך יענעם בלוטיקן יאַנוואַר

אין דער שטאָט גערימער וואָס די נעווע
שווענקט אירע שטיינעריקע פּיס.
געווען איז טיף דער קריעה־ריס,
די ווונד אָן היילונג.
ס׳האָט מיט דעם בלוט־צעגיס
זיך אָנגעהויבן די יאָרהונדערט־ציילונג,
מיט גזרות הארבע, מיט ווילקיר,
מיט כאַפּער־היצלען, מיט אַרעסטן,
מיט שפּיצלען אַרום יעדער טיר,
וואָס אומעטום געזען די מורדים־נעסטן;
מיט צײַטונגס־טכוירן וואָס מיט גיפט
געסרחהט ס׳האָט פון זייער שריפט.
מיט פאַרדאַרבנדיקן זאָמען,
און אין האַנט פון היידאַמאַק
מע האָט אַריינגעשטעקט די קוילער־האַק
אין צאַרס און אין משיחס נאָמען,
צו אַרגיע פון פּאָגראָמען.
און אָנגעהויבן זיך עס האָט
אַ גאָרגלשניידער־קאַראַהאָד
אָן אויפגערייצטער, ווילדער; —
אַ לעבן לאַנג אים גייען נאָך
פון יענעם גרויל די בילדער.

ווי גראָזן טרוקענע אַ בינט
געטראָגענע פון אַסיען־ווינט
דורכן פעלד וואָס האָט געאָטעמט
ערב פּסחדיק, אַפּריליק,
די פּאָגראָם־נאַכט האָט געשווינד

געטראָגן זיך צום שטעטל אויך
מיט אומגליק, מיט פּאַרטיליק.

■

די צווייטע אַשמורה.
מיט שטערן נאָך פול
און מיט שטילקייט די מולטער פון רוים איז.
פּלוצעם האָט עמעץ ווי דול
— קאַראַהול!
אַרײַנגעיעכצט אין זײַנע פרומע חלומות.

אַרויפגעכאַפּט שנעל אויף אַקסל דעם ראָק
די דאַרע פּיס פאַרהילט מיט דער פּאָלע,
איז ראָש אַרויס ער אין ערב טאָג,
און ס'האָט געטאָן אים אין פּנים אַ שלאָג
די יידן־בהלה.

— באַטיושקאַ, ראַטוי! —
געבעטן האָט קהל
מיט אויגן אויפגעריסענע פון יִיאוש
און אימה;
און ער, אַ יינגל נאָך, האָט מיט אַמאָל
באַנומען די אַחריות פון זײַן שליחות־ראָל
און כחות אויפקומען אין זיך דערפילט,
געהיימע
צו גיין קעגן דעם בייז ווי אין אַ שלאַכט,
און אויספּרוּוון ער וועט די מאַכט

וואָס זי געגעבן איז פון גאָט אים, —
ס'האָט זיך גוטן געדענקט אים יענע נאַכט,
אַלץ וואָס איז געשען, מיט אַלע פּרטים.

טײַער איז געווען יעדע מינוט.
די וואָלקולאַקעס גייען. מיט אַ באָד פון בלוט
מיט אַ שחיטה זיי באַדראָען.
שכורע זיי גייען. מחנות. אומגעהעמט.
זייער געהויל פון סטעפּ שוין מע פאַרנעמט,
דאָם טופּעניש פון טלאָען.

הו־הו, הו־הו, פון סטעפּ אַרום
גענענט דער וואָי שוין און דער ברום
פון דער צעשפּילטער זאַווירוכע;
רײַטנדיק, צו פוס און מיט דער אַקס
פון דערפלער שטרויענע אַרויסגעפליוכעט
פויערים מיט בערד קאָלטונעוואַטע — פלאַקס,
אין בלוט מיט דער צעקאָכטער יוכע
האָבן געשטראָמט צו גזילה און געוואַלט!
צעהוליעטע זיי יאָגן און צעשאַלט,
צעלאָזטע האַרדעס־קאַראַוואַנען
ווי אייניקלעך פון טשינגיס כאַנען
מיט שכרות־טשאַד אין זייערע קעפּ,
צום שטעטל וואָס געלעגן אַן אַ שוץ איז,
זיי יאָגן דורכן אויפגעוועקטן סטעפּ
אויף זייערע סקריפּיקע קאַרוצעס
צו רויבערשן באַפאַל
מיט גאַנצע הויזגעזינדער,

אין דמיון זעענדיק דאָס שלל
און פולע וואָגנס פּלינדער.

פונעם שכורן געוואַי צעהיצט
פליען שקאָפּקעלעך געשמיצט
פון בייטשן ברייזקע
אויף סטאַרטשענדיקע ריפּן,
פונקען פון די טלאָען שפּריצט,
גאָווער־שוים פון ליפּן.

נאָך איין באַרג און נאָך איין וואַלד
געבליבן איז אַריבערהיפּן,
און אַנטהילן וועט זיך באַלד
די גאַנצע שטעטל־פּאַנאָראַמע;
דער אַלטער מאַרק, די אַלטע שול
וואָס זיך אין הינטערגאַס באַהאַלט,
די גאַנצע וואָכעדיקע שטייגער־גאַמע;
דאָרט ניט פאַרדאַכטנדיק די דראַמע
וואָס נענט מיט אַ גאַלאָפּן־שווונג,
מיטן שלאָף נאָך אויף דער לונג
צו שחרית וועלן לויפן
יאַדעשליווע יידן, פרומע.
איין בערגל נאָך, אַ קאַצן־שפּרונג.
און פּלוצעם — אַ מהומה.
גלין־גלאַן! גלין־גלאַן!
וואָס אַזוי פרי
די קלויסטער־גלעקער זיך צעקלינגען?
די פערד אַפילו, גלייך אַ ברי

פון וואַלפֿן־בליק זײַ דורכגעדרינגען,
ווי פֿאַר אַן אַפּגרונט אויפֿגעשפּרינגען
צו וועלכן ס'האָט אַ טראָט געפֿעלט,
און דיבאָם זיך געשטעלט.

גלין־גלאָן! גלין־גלאָן!
וואָס פֿאַר אַ חגא?
וואָס פֿאַר אַ קנאַל, געשאַל,
דען פֿון אַ שריפֿה אַ סיגנאַל,
פֿון קץ כּל בשׂר
ס'איז דען די טרעוואָגע?

גלין־גלאָן —, גלין־גלאָן!
געקײַקלט מיט געברויז
די קלאַנגען זיך אַ כוואַליע
נאָך אַ כוואַליע,
גלײַך גאָט אַליין איז קעגן זײַ אַרויס
מיט זיין גאַנצער אַפּאַסטאָלן־פֿמליה.

און אויסגעניכטערט מיט אַמאָל
פֿון רויב־גיר און פֿון משקה,
האָבן פּויערים אַ צי געטאָן
אויף זיך די וואַשקעס,
געבליבן שטיין
אין זאַמד ביז אין די קני די פֿערד,
די וואָגנס ביז די אַקסן.

פֿאַר זײַ ווי פֿון דער ערד
איז דאָס געשטאַלט פֿון גלח אויסגעוואָקסן.

מיטן צלם אין די הענט, אַרומגעשטעלט
מיט די תשמישי קדושה פונעם קלויסטער,
איז ער אומדערשיטערט ווי אַ העלד
וואָס אַרויסגעשפּאַנט האָט פון לעגענדעס־וועלט
איינער קעגן דער מאַסע אויפגעבּרויזטער
געשטאַנעןביים שטעטלשן קאָרדאָן
אין דעם באַגינען־נעפּל
און געדונערט מיט זײַן באַריטאָן
הוידענדיק דאָס ווײַרויך־טעפּל.
די תוכחה געשליידערט,
האַרבע מוסר־רייד,
פון גאָטס שאָף אַ פּאַסטעך אַ געניטער,
(דערמאָנט ער תמיד האָט מיט פרייד
דאָס עזותדיקע יינגל אין כהונה־קלייד
וואָס האָט באַהערשט פון יצר דאָס געוויטער.)
ווײַל ווי פון בייזן חלום אויפגעוועקט,
האָט אויף די קני אַ פאַל געטאָן די מענגע
ווי מע וואָלט ביי זיי די פיס אונטערגעזעגט,
און אַ קוק טאָן קיינער ניט דערוועגט
אין זיינע אויגן צאָרנדיקע, שטרענגע,

זיך אין שרעק געצלמט אָן אַ סוף,
ניט טרעפן זאָל אויך זיי די שטראָף
וואָס געטראָפן האָט אַמאָל די סדומער
ווי געוואָרנט, ווי געדראָט ס'האָט ער,
פון אייבערשטנס געבאָט דער שומר.

פאַרגליווערט, אויף די קני, ווי אין היפּנאָז

איז לאַנג געשטאַנען די גראַמילע,
און ווען דאָס מאָרגן־ווינטל
האָט דערוואַכט אין גראָז,
און דער הימל־ראַנד האט זיך צעשימערט ראָז,
האָבן זיי זיך אויפגעהויבן שטילע
און איינער נאָכן אַנדערן אין ריי
די האַנט געקושט פון באַטיושקא איסיי,
ווי בעטנדיק מחילה.

אויף די וואָגנס סקריפּיקע דערנאָך
דורך די אומעטיקע סטעפּן,
האָבן זיי געטאָן צוריק זיך שלעפּן
צו זייערע ליימענע אין מאָך
צו דער ערד האַרט צוגעפּרעסטע כאַטעס.
צו זייער שווערן פּויערישן יאָך
געירשנטן פון טאַטעס.

און דאָס איז אַלץ. עס איז נאָך דעם
אַוועק איבערן לאַנד דער שם
פון יונגן גלח וועמען ס'איז געראָטן
גובר זיין אין ווידעראַנאַנד דעם שטן
וואָס אָפּגעטראָגן זיך ער האָט, אַוועק
ווי אַ הונט מיט אַ פּאַרדרייטן עק
און פּעל צעפּליקטער, —
אַ באַזיגטער.
און פאַרשטאַנען האָט ער דאַן
— טראָץ זיין ספק אַז מיט דער וועלט
עס פּראַוועט עמעץ ערגעץ אויבן, —

אַז אַ תכלית און אַ נוץ איז פּאַרט פאַראַן
אין גלויבן.
און אין יינגל, וועמעס חן
איז געווען די גוטסקייט און עניוות,
האָט פאַרמערט דער זיג
די זיכערקייט אין זיך אַליין,
און אין זײַן אייגענער חשיבות.

■

פון לאַנג אונטער אַ קילן שטיין ער רוט,
אַרומגעצוימט מיט אַן אײַזערן שטאַכעטל
אויפן אַלטן צווינטערל בײַם פרוט
אין מײַן יידן־ריינעם שטעטל.

אויף זיין קבר
קומט קיינער ניט צו גיין
אויסשניידן דאָס ווילדגראָז, אויפצוראָמען,
און אויף דעם זיך קרישלענדיקן שטיין
אָפּפרישן זײַן נאָמען.

און אָנצינדן אַ ליכט, און פאַרן שטיין
ווי בײַם לעבן זיך מתוודה זײַן אין טרערן.
אין זינד באַגאַנגענע
מיט אַ בייזן מיין,
צי גאָר ניט ווילנדיק, אומגערן.

פאַרגעסן האָבן אים פון לאַנג

די פֿרומע גאָטפּאַרכטיקע שטעטל־לייט,
נאָר יידן,
זיי האָבן מיטגענומען אין זייער וויַיטן גאַנג
דעם אָנדענק זיַינעם,
ווען פֿון שטעטל זיך געשידן,

און איך, אַ שולדיקער, וואָס זיך
צו לאַנג דערציילן וועגן אים געקליבן,
מיין חוב דערפילט כ׳האָב היַינט,
— דעם לעצטן שטריך
אין שורות ריטמישע, מיט אַכפּער.
צו זיַין געשטאַלט דערשריבן.

ליבשאַפֿט און עקידות

געווען אַפּריל ס'איז דאַן

געווען אַפּריל ס'איז דאַן אין קאַנט
ס'האָט געבליט דער בעז בײַ די שטאַכעטן,
און מיר געשלאָסן האַנט אין האַנט,
מיט לעבנס־הונגער ניט געזעטן,
זענען אין אַ וווּנדער־וואַר אַרײַנגעטרעטן
צעפלאַמטע און צעשטרײַט,
און ניט געאַנט אַז ס'טונקלט גאַרניט ווײַט,
שוין ערגעץ בײַ דער זײַט,
דער גורל־שאָטן מיט אַ פּרווו אַ האַרבן.
ביז הײַנט נאָך צונטערן אויף אונדז
די שראַמען און די קאַרבן.

געווען אַפּריל ס'איז דאַן. אין האַרץ
איז בגילופֿן אַ קאַנאַרל זיך פֿאַרגאַנגען,
געהודעט האָט עס אַ פֿאַרשאַרטס,
און כ'האָב געקושט דײַן קאָפּ —
ער איז געווען נאָך שוואַרץ —
געגעבן אים די גינגאָלד־פֿאַרב פֿון זאַנגען
האָסט שפּעטער, שפּעטער, ווען דער פֿור
פֿון ווײַסע עפּל־צוויטן
גענומען דיך באַדעקן ווי אַ טור,
זיך שיטן, שיטן.

האָסט דורכגעמאַכט אי: הייס אי קאַלטס,
אין וויסטער תקופֿה פֿונעם סדום־האַרמידער,
און כאָטש סע וועלקט די הויט שוין אויפֿן האַלדז

און ס'לייגן אַפּ זיך זאַמד און זאַלץ
מיט נאָגנדיקן ווייטיק אין די גלידער,
ביסטו פֿאַר מיר די זעלבע אַלץ
ווי דעמאָלט ווען אין וונדער־וואָר
מיט לעבנס־הונגער ניט געזעטן
מיר זענען האַנט אין האַנט אַרײַנגעטרעטן.

אַ צווייגעלע בעז

ס'איז פרילינג געווען. צוריק מיט צענדליקן פיר
די זאַפטן אין סאַד שוין געטאָן, האָבן בראַיעז,
ווען שעמעוודיק אַנגעקלאַפּט אין מיין טיר
און אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס ביסט מיר
אַ צווײַגעלע בעז אין קאַיאַריקע טויען.

אַ צווײַגעלע בעז — זיך אַליין האָסט געברענגט,
און מיט זויבערן האַרץ אַפּרילִיק־דערוואַכטן
צו ליבע און גליק — האָסט מיר זיך געשענקט,
און מיט דײַן אָטעם מײַן זעונג פאַרשווענקט,
מײַן טונקעלע זעונג און בלאַנזשענדיק טראַכטן.

פיר צענדליק אַפּרילס. מיר זענען מיט וואָס
געפּרוּווט ניט געוואָרן אין לויף צו דערלאַנגען
דעם ברעג פונעם טרוים?
געוועזן איז דאָס
איבער פיל באַריערן אַ פאַרביסענער קראָס.
איבער גריִבער און זומפּן מיט צישיקע שלאַנגען:

און ס'זענען געווינסן געווען און פאַרשפּיל,
און יִיאוש און דרייסט פון אויף ס'נייַ זיך פאַרטרויען
די שטעגן געהיימע צום ענדלעכן ציל,
גרייטע צו יעדער שווערן נסיון.

און איצט, ווען עס גייט צום פינאַל שוין די שפּיל,
וואָס גלייביק מיר האָבן געשפּילט, מיט געפיל,
ביסטו מיר נאָך אַלץ ווי אין יענעם אַפּריל
אַ צווײַגעלע בעז אין קאַיאַריקע טויען.

געדוכט האָט זיך

געדוכט האָט זיך אַז ס׳האָט זיך אויסגעדרייט
די געשיכטע־ראָד אין יענעם פרילינג
מיט גנאָד צו אונדז, אַז מיט באַשייד
אַ גוטער ווינט אין פּנים ווייט,
און פון גליק דעם זאָמען ער צעזייט,
פון אויפריכט און דערפילינג.

אַז ס׳איז דער אָנהויב פון אַ וווּנדער־וואָר
האָט מען געמיינט,
דער אַחרית־טרוים פון זיידעס;
מ׳האָט ניט פאַרדאַכט אַז איבערגאָר
איז אַ פאַרבלענדעניש דאָס נאָר,
און אַז אונדז שטייען נאָך נסיונות פּאָר
פון רדיפות און עקידות.

געדענקסט דעם פינצטערן נבואה־זאָג
פון יענער אַלטעטשקער מיטן געזיכט פון אַ צדקת,
וואָס אין מיר האָט זיך אַרײַנגעשטאָכן ווי אַ צוואָק?
כ׳האָב זי דערמאָנט אין יענער צײַט פון פּלאָג
אויף יענע אימהדיקע עלנט־שטרעקעס.

„איר זענט יונג און פליען וועט איר הויך,
און געריִמט ווערן, קאָן זיין, אָבער אין איינער
אַ בייזער שעה וועט אַלץ צעווייען זיך ווי רויך,
און ווערן וועט פאַרשלעפּט אין שדים הייל איר אויך
און ווו אַהינגעקומען עס זענען אײַערע ביינער
וועט ניט וויסן קיינער פון אײַערע באַוויינער״.

דער מלאך

מ'האָט פון קינדווייַז אונדז גענערט
מיט מעשיות וועגן מלאָכים פון הימל
וואָס פלעגן אויף דער גליַיקער ערד
אַרומגיין פאַרשטעלטע מיט סוחרישע בערד
און זייערע טווּנגען זענען פאַר מענטשן
אַ מופת געווען און אַ סטימול.

וועגן מלאָכים אויך דערציילט דער תנך
וואָס האָבן ווי פּראָסטע בני אָדם
געלערנט דעם מענטשן
אין דער תנכישער שפּראַך,
געמוטיקט אין נויט, צעזייט זייַנע פּחדים
ווען געשטאַנען מבולבל ער איז ווי אַ קינד
אין וויסיקייט בלינד,
פאַר די סודות פון לעבן און טויט,
דעם אומבייַט פון צייַט,
און דעם שטערן־געווימל . . .

און כאָטש מע זאָגט אַז פאַר סדומישע זינד
האָט די מלאָכים צוריק אָפּגערופן דער הימל,
האָט ניט דער פּזמון קיין גרונד,

ווייַל אָט, אין אַ הערלעבן בונד,
אָן חופּה וקידושן, אָן רבישן זיגל,
וווינט שוין פון לאַנג אַ מלאך מיט מיר.
(איך ניט שפּאַס, זיך ניט קליגל)

זי טוט איצט אויס אויף בײַנאַכט אירע פליגל
אין אַלקער פון יענער זײַט טיר,
אונטער דעם אַלטן, צעגריזשעטן באַלקן,
זי מיט גלויבן מיך שפּײַזט,
זי אויך שווונג גיט מײַן גײַסט,
זי וואַכט בײַ איר נעסט ווי אַ פֿאַלקן
אויף דער סקאַלעס קופּערנעם שפּיץ
וואָס אויף די לויערער איז ווי אַ בליץ
זיך וואַרפן אַ גרייטער. . .

אפשר איז פון יעקב חלום-לייטער
אויף דער ערד אַראָפּגעקומען זי,
און מיט מיר פֿאַרבליבן דאָ הי
מײַן גוטער מלאך,
קיין מאָל מיט מיר ניט צעשיידטער.

אילוזיע

אויף גרינע לאָנקעס בײַ אַ טײַך
פאַרלאָפן זענען מײַנע קינדעריאָרן,
ציט מיך תּמיד פון מײַן הויכן גאָרן
פון װעלבן כ׳קוק אַרויס מיט זקנישן פאַרזשמור,
װי זאָגט זיך עס — צום שויס פון דער נאַטור,
צו מאַמע־ערד, צו לײַבלעך־װײכער, רויער,
איך זאָל אויף איר מיך דורכגײן װי אַמאָל
אַ באָרװעסער, װי ס׳גײט אַרום דער פּויער
באַפרײַט פון יעדן עול
און װי פון ליבער פרוי דעם נאַקן,
טאָן זי מיט די ליפּן אַ באַריר,
און איר טעם דערפילן דעם געשמאַקן,
און די װאַרעמקייט באַהאַלטענע אין איר,
און הערן װי פון סאַק די פּירות שװילן,
און צװײַגן בייגן זיך פון זײ באַשװערט,
און זיך אַ װאַלגער טאָן אין גראָז,
און פילן
װי דאָס בלוט טוט אין אַהאַרטע שפּילן
װי יונגער װײַן װאָס אין די אַנטלען יערט.

מײַן פרוי, כּדי מיר די אילוזיע צו געבן
פון אַ צעגרינטן, בליענדיקן פעלד,
מיט שפּרינגעניש, מיט פויזעריי, מיט שװעבן,
מיט זומענדיקן, זיך באַנײענדיקן לעבן,
האָט אויסגעצירט אונדזער בעטאָן־געצעלט
פון װאַנט צו װאַנט, אין גאַנצן,

מיט אירע זאַרגעוודיק־געשיקטע הענט
מיט געוויקסן גרינע, קריכנדיקע פלאַנצן,
און באַלזיכטן מיט איר שמייכל
פון דער שיינקייט דעם פראַגמענט.

די רייד פון מײַן פרוי

אין דושנעם זומער־אָוונט שפּעט
האָט מײַן פרוי אַזוי גערעדט
בײַם פענצטער דעם צעפּראַלטן:

ווײַזט אוים אַז אמת ס׳איז דער זאָג
אַז ניט תמיד איז דער מענטש אַזאַ
פאַר וועלכן מיר אים האַלטן,
אַז אין זײַן וועזן שאַלטן
זיך טוישנדיק אָן אויפהער —
צוויי געשטאַלטן,
אי דער וואָס פרום די מצוות היט
פון גוטסקייט, אי דער יעזואיט;
אי דער מאָן פון איידלמוט,
דער קרבן־גרייטער,
אי — דער צווייטער,
וואָס דער סם פון לעסטער טוט
בראָיען אין זײַן בלוט,
אוןביידע זיך אַנטבלויזן זיי
אין שעה פון נויט און וויי,
פון ביטערסטן נסיון,
ווי זיך אַנטבלויזט
ס׳האָט דיר דײַן פרײַנדס מהות
פון סאַמע עקלדיקן גוס,
ווען מען פלעגסט אין אַלצדינג זיך פאַרטרויען.

האָסטו זיך פאַרגעשטעלט אַמאָל

אַז ניט „פֿון יעקבֿן עס איז דאָס קול״
און ער דערגייען וועט ביז פּאַראַט־בזיון ?

נאָר מער מיך חדושט און מיך כעסט
וואָס ער — ווי אַ בעל־תשובה פֿאַסט,
האָט דאָס מויל זײַנס מיט די ציין
ביז שטומקייט ניט פֿאַרביסן,
ווי זײַן וואָלט זויבער־ריין
און אָן אַ פּגמל זײַן געוויסן . . .

און אין זײַן חטא
ער גאָר אַ טוגנט זעט,
ווי אין זײַן שפּל־טאָט
מסירת נפש וואָלט געווען כמעט,
און שיער קדוש השם,
כאָטש נעם
פֿאַר זײַן פֿאַרדינסט אָט דעם
פֿון אַ פֿאַרדאַרבער
באַקרוין אים מיט אַ קרענצל לאָרבער.

אומזיסטער רוגז

נאַרעלע מײַנס,
איך האָב הײַנט מיט וואָס
אַרויסגערופן דײַן רוגז,
דײַן ביטער פאַרדראָס,
אַז אָנגעגאָסן מיט טרערן דײַן אויג איז
ווי אַ קרישטאָלענער כוס ?

די ליבעלידער וואָס האָסט
בײַ מיר הײַנט אַנטדעקט
זיי זענען דאָך פון די ייִנגלשע יאָרן ;
יענע פרוי וואָס גערעגט
האָט מיין האַרץ און מיין דמיון
און לאַנג, יאָ, צו לאַנג ווי אַ דאָרן
אין מיין אָנדענק געשטעקט,
האָב איך פון לאַנג שוין פאַרגעסן,
אויסגעוועפּט פון אַלע מײַנע געפעסן
פון לאַנג שוין האָט זי,
ווי ס'וועפּט אויס אין דער פרי
דער נעפּל פון טאָל
און דער טוי פון די קווייטן.

די לידער זענען דאָך פון אַמאָל,
געשריבן פון אַ צווייטן
ווען כ'האָב ייִנגווייז געקענט
ווען ער איז געווען נאָך
פון ליבשאַפט פאַרבלענדט,

מיט אָפֿענעם האַרץ נאָך צו מענטשן גענענט,
גלייביק נאָך צו וועלטן געוועגדט
מיט אַ גלויבן פֿעסט ווי אַ פֿעלזשקע־קערן,
אַ צווייטנס האַרץ האָט אין די לידער געברענט
און גאַרניט מיר זיי געהערן.

נאַרעלע, אומזיסט ניט פֿאַרשווענד
די פּערעלער פֿון דײַנע טרערן.

קראַנק בין איך

קראַנק בין איך, קראַנק,
דער ניט גוטער זאָל עס קענען,
ווי אַ מערעשקעלע אויפֿן רוקן מיט איר פּאַנג
שלאַבעריק שלעפּט זיך דער געדאַנק,
דער גוף און די געהירן ברענען,
און זי, —
כאָטש נאָך אַ טאָג פֿון שווערער מי,
טאַפּט אַ גאַנצע נאַכט מײַן שטערן,
צו מײַן ברוסט זי פּעסט
דאָס אויערל צופּרעסט
כּדי זי זאָל דעם ריטם הערן
פֿון מײַן האַרץ וואָס דאַרף אפשר אַ טעסט,
צי סקריפּעט עס ניט ווי אַן אַלטער וואָגן,
צי עס שפּילט אָן איבערשלאָגן,
רעגלמעסיק, מיטן טראָפּ;
וויפֿל מאָל קריכט זי פֿון בעט אַראָפּ
אין העמד איר לופּטיק-לײַכטן
מיר ברענגען אַ קאָמפּרעס אַ פֿײַכטן,
צי אַ מיקסטור אַרײַנגיסן אין מיר.

אין יעדן איר באַריר
די געטרײַשאַפֿט און די וואַרעם
פֿון געליבטער און פֿון מאַמען
איך צאַפּלדיקע שפּיר
וואָס אויסשטראַלן עס טוט איר וועזן,
און איך ווער גענעזן.

איין מאָל אין אַ שיינעם טאָג

איין מאָל, אין אַ שיינעם טאָג
צי אַ וואָלקנדיק־מיאוסן,
וועט זײַן די מעלאָדראַמע אָפּגעשפּילט,
איך וועל די אויגן פֿאַרשליסן,
ס׳וועלן אויפֿהערן אין האַרץ די ריסן,
און ווערן ווי אַ טײַך פֿאַרשטילט,
פֿאַראײַזט וועט דער געוויסן.

פֿון מײַן דאָיִק געצעלט
אַריבערפֿעקלען כ׳וועל זיך
אין דער אמתער וועלט,
אין אַ ווינאָרט שוין אַ באַשטענדיקן,
פֿון שטיין געבויט ווײַסבלענדיקן,
פֿונעם טויער אַ ביסל צו ווײַט,
ווו מע באַהאַלט אָרעמע לײַט,
ווו כ׳וועל שוין זײַן
פֿון שכר־דירה באַפֿרײַט
און פֿון אייגנטום־שטײַער,
וואָס שטײַגט ביי אונדז אומגעהײַער,
און מיט אַ ווערבעלע בײַ דער זײַט
וואָס וועט עלעגיש זיך וויגן.

נאָר אויב אין הוי־האַ דעם היגן,
דערמאָנען זיך עמעצער וועט
פֿון די פֿרײַנד מײַנע וואָרע,
אַז זיך מתיחד זײַן מיטן פּאָעט

איז צייט, און אים קומט אַן אַזכּרה,
וועל איך דאָרטן ניט זיין . . .
זוכט מיך דאָן אין דער שיין
פֿון די שוואַרצאַפּלען פֿון אירע,
אָ די וואָס אין צייט
ווען מ'האָט אונדז געשענדט
מיט אַלע טאָרטור־כּלים פֿון חקירה,
און געשונדן דאָס לייב און געברענט,
און שיער ניט פֿאַרלענדט, —
האָט זי אין מיינע הענט
אונטערגעהאַלטן די זעקסטרוניקע לירע . . .

איך שרעק מיך ניט

איך שרעק מיך ניט, כ'לעבן, און אָסור
צי שטעלן אַ ווידערשטאַנד כ'וועל דער קאַרנאַסער
ווען זי וועט זיך יאָווען צו מיר אומגעריכט,
און פון איר שוואַרצן קיטל
אַרויסציען מיר דאָס געחתמעטע קוויטל
מיטן פסק פון של מעלה־געריכט.

איך שרעק מיך ניט און די סקאַרבאָווע
האָט ניט קיין שליטה אויף מײַן מחשבה.
ס'וועט תמיד דאָך זײַן אַ ביסל צו פרי
ווען זי וועט צו מיר זיך ניט יאָווען,
ווײַל פולע הענט כ'וועל נאָך האָבן מיט האָוען,
און ווי דער סאָד אויפן גערטנער
מיט צײַטיקן בלי,
וואַרטן אויף מיר וועט מײַן טיש
מיט חדוה פון מי,
און מײַנע מכשירים און קענדלער
מיט חומר — פּאַרטיק און פעט,
פון וועלכן די לידער איך קנעט
קלאָר און פאַרשטענדלער,
און אַז צו שלמות דערשטאַפּלען דער זכות
זאָל מיר ווערן געגעבן
וועל איך נאָך דאַרפן אַ פּלוס
פון כאָטשבע איין לעבן.

איך שרעק מיך ניט, דאָך דערקלער איך בפרהסיא,
בעסער פאַרגעסט מײַן אַדרעס זי...

אַ מענטש אַ ניכטערער איך בין

אַ מענטש אַ ניכטערער איך בין,
מיר קומען קיין מאָל אויפֿן זין
קיין שרעק־מחשבות, זעונגען איבעררעאַלע,
נאָר הײַנט, יאָ, היינט, כ׳בין אײַך מגלה,
איז דאָס מיר יאָ געשען,
דעם שוואַרצן מלאך מיט די טויזנט אויגן
כ׳האָב פֿאַר זיך דערזען
אין די אָוונט־שעהען פֿריִע
אין מײַן סעדל — אויג אויף אויג.
ס׳האָט מיר אין ברוסט
אַ זעץ געטאָן ווי אין אַ פּויק,
נאָר ניט טועלנדיק אַ פּינטל מיט אַ וויִע,
כ׳האָב אויסגערופֿן: ס׳קאַצל קומט, אין שפּאַס.
ווײַזט אויס דו ווייסט ניט אַז בשעת
געגאַנגען ביסט אַהער פֿון דײַן תחתיה,
האָט דאָרט אין מלכות דײַנעם
געטראָפֿן אַ מאַלער,
אַ פֿאַרשווערונג, אַ גאַנצער איבערקער;
אַ חשבון האָט מיט דיר פּנים דער ניט גוטער,
מע זאָגט, אָוועקגערויבט ער האָט
בײַ דײַן לאָגיסטישן קאָמפּיוטער
דעם שם, און אין איינעם מיטן סוד,
אויסגעריסן די געדערים בײַם ראָבאָט,
אים אָנגעשטאָפּט מיט טשוועקעס,
אַז דער גולם איז אַראָפּ פֿון זין,
געמאַכט אַ חורבן אין אַרכיוו

פונעם בית דין,
אַז גאָט אַליין זיך אָפּזוכן ניט קען
אין די אורטייל־טעקעס . . .

איז אַ בלענדעניש געווען דאָס בלויז ?
צי טאַקע יענער זעגלער פון דער לעטע,
דער איבערפירער אין דער אַנדערער פּלאַנעטע
פון דאָרט מע קערט זיך ניט צוריק ?
אַ בלאַסער כ'בין אַרײַן אין שטוב,
און פונעם בליק
מיין ליבערס, און אויך פון דער מוזיק
(געטראָגן זי ס'האָט אַ באַקאַנטע באַרקאַראָלע
אויף אַ לײַכטער וועל)
איז מיין געמיט געוואָרן ווידער העל
און ס'האָט צעווייט זיך מײַן בהלה.

אַ מאָל פֿאַרגעס איך

אַ מאָל פֿאַרגעס איך אַז אין ברוסט
פֿאַרהאַקט זיך עפּעס שוין אַ קלאַפּע,
אַז געוואָרן זקניש־הילכיק איז מײַן הוסט
און צו שמחהלער פֿאַרלאָרן כ׳האָב דעם גלוסט,
אַז אַרום מיר ווערט לערער אַלץ
מער פּוסט,
פֿון גוטע פֿרײַנד געבליבענע שוין קנאַפּע,
און פּלוצעם כאַפּט מיך אָן אַ לוסט
זיך אויפֿהייבן פֿון דער קאַנאַפּע
און פֿון אַלע טרעפּ אַ לויף טאָן מיט אַ שפּרונג
טענצלדיק און פֿלינק, ווי אַכצניעריק,
גלײַך פֿון אַ כשוף־זעעניש
באַקומען כ׳וואָלט אַ ווונק,
גלײַך יונגן כח כ׳האָב דערוואָרבן, שוווּנג,
אָנהייבן אויף ס׳נײַ אַ נײַעם פּרק
פֿון ראַנגל, זוכן זיך
אין דעם באַגריפֿן־וואַלד,
פֿון דערפֿאַלגן, דורכפֿאַלן,
אַרויפֿן און אַראָפּן.

יאָ, כ׳פֿאַרגעס אַ מאָל
ווו אין דער צײַט איך האַלט, —
נאָר ווען פֿון וואָרט דעם קיזלשטיין איך שפּאַלט
און פֿראַלן נעמט מײַן ליד,
ריזלט, בלעזלט, קוואַלט,
טרעפּ אָפּ דער שאָטן
וואָס הויערט מיר צוקאָפּן.

עלטער

אין די סיבירער חלפדיקע פרעסט
ווו פֿאַר די קנעכטישע קעסט
אויסגעזיפּטע פֿון קאַלאַריעס,
האָב איך אין שניי־ווײַסע מדבריות,
אונטער דעם פֿאָפּ־געיאָמער פֿון ווינט
בעטאָן־סלופּעס אין אײַזיקער ערד
פֿאַר בריקן געטאָן אַרײַנשרויפֿן,
איבער וועלכע צו עק וועלטן אַצינד
טראַנססיבירער שנעלצוגן לויפֿן, —

דאָרט האָב איך איין מאָל אַפֿילו
קיין נאָז־קאַטאַר ניט געהאַט,
און דאָ, אין אונדזער וואַרעמען קלימאַט
טרייסלט מיך ווי אין אַ קעלטער.
זאָל עס זײַן דערפֿאַר
ווײַל איך בין אַ געקווועלטער
פֿון זאָרג פֿאַרן לאַנד
ווו דער גורל פֿון פֿאָלק
ווערט אַלץ ביטערער, האַרבער,
ווו עס וואָיוועון צווישן זיך
אַלערליי שפּאַרבער, פֿאַרדאַרבער,
און די הפקרות הערשט, די געוואַלט,
וואָס טוט ביי דער וועלט
אונדז דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצן . . .

זאָגט מײַן פֿרוי מיר: קען זיין.

נעמסט אַלצדינג צו נאָענט צום האַרצן,
און ביסט פון זאָרגן געדריקט,
און אפשר אין דעם וואָס דיך דראַזשעט
ווי אין אַ קעלטער
די סיבה מײַן ליבער, גאָר ליגט
אין דער עלטער ? . . .

ווּיפל מאָל אין יום טובדיקע זאַלן

ווּיפל מאָל אין יום טובדיקע זאַלן
אויף שׂמחות כ׳קום צו גיין,
ווּ פּויקן דונערן און טראָמפּייטן שאַלן
און פידלען אין סורדינאָ
זיך פאַרגייען אין געוויין,
נעמט פּלוצעם פון זכרון
דאָס דורכגעלעבטע פּראַלן,
און מיר דוכט אַז וואָלף־הינט מיך באַפאַלן
ווי דאָרט, ווּ שיער געלאָזן מײַן געביין.

ווּיפל מאָל באַפּריַיט פון מײַנע עולן
צום דיוואַן אַ מידער איך דערפּויז,
טריפט סם אַרײַן אין מײַנע חלום־שאַלן,
און איך דערזע מיך שטיין —
די פיס געשוואָלן
פאַר מײַן פײַניקער אין שדים־הויז,
איך שטיי, כ׳געדענק שוין איצט ניט ווּיפל,
און ווי אויף ים מטורפן אַ שיפל
הוידעט מיך אין חלום אויף און אַפּ,
און כ׳פלי אין אַ תהום מיט אַ געפּלעטן קאָפּ
און אויפן דיל מיט אַ צעטרייבערטער נשמה,
איך ליג פאַרחלשט אין אַ לוזשע בלוט,
און איבער מיר כ׳הער לאַכן:
„עקצע האָמאָ״!
דאָס סאַרדאָנישע געלעכטער
פון אַ לאַפּיטוט.

יאָ, אָפּט, צו אָפּט, און נאָר ווי קוואַלן
אויפגעוועקטע אונטער זאַמד און שטיין,
נעמט פּלוצעם פון זכרון
דאָס דורכגעלעבטע פּראַלן,
און פון ביקסן איך דערהער דאָס קנאַלן,
און געוואָי פון הינט מיט רוצחים־ציין —

מיין מאַמע וואָלט געזאָגט ;
זאָל דאָס אויף פּוסטע פעלדער פאַלן,
זאָל עס צו אַלדי רוחות גיין !

ס׳האָט מײַן פּײַניקער גערעדט

ס׳האָט מײַן פּײַניקער גערעדט, גערעדט,
אָט בנעימות, מיטלייד און באַדויער,
ווי ער וואָלט מיך ברידערלעך געגלעט,
אָט זיך צערעוועט ס׳האָט דער שד
מיט שטים זײַן גזלעוואַיער,
מיך אויסגעלאַכט, פון מיר געשפּעט
מיט לשון אונטערוועלטיש־פּעטן,
ווי מיט די פיס ער וואָלט
געקאָפּיעט מיך, געטרעטן.

און איך מיט אויסגעפּײַניקטן געביין
(פון די ווענט געקוקט אויף מיר
פון די אָפּגעטער ס׳האָבן די איקאָנעס)
ווי אינסולין, בטחון
כ׳האָב מיר אײַנגעשפּריצט אַליין,
פון זײַן בליק, כ׳האָב מיר געזאָגט,
טאָרסט ניט פאַרוואַנדלען זיך אין שטיין,
ווי פונעם בליק פון די גרויזיקע גאָרגאָנעס.
פאַרבײַס די ליפּן פעסט,
מיט דײַנע נאָך ניט אויסגעהאַקטע ציינער,
אַרײַנגעשלעפּט אין אָט דער שלאַנגען־נעסט
דו ביסט דאָך ניט אַליין נאָר...
דיר דעם גורל טיילן איז באַשערט,
פון דײַנע פאַרגייער און לערער

וואָס פון דיר זיי האָבן עפּעס מערער
בײַגעטראָגן, וואָגיקערס אין ווערט.

געדענקסט ?
זיי האָבן אויפן פליגל־פערד
ווי געטער שטאָלץ געריטן,
און דאָך —
עס האָט אויך זיי דער בראָך
ווי דיך ניט אויסגעמיטן.

אויף דער אויספאָרשונג

ווען כ׳בין געליגן ווי אַ שאָף
אויף אַלע פיר געבונדן,
מיט אויגן אַנגעצונדענע אָן שלאָף
די נשמה און דער גוף צעשונדן,
הוילע ווונדן,
און אַרום מיר ווי אין אַ שדים־גראַט
פון פּײַניקער דער קאַראַהאַד,
האָב אויך דעמאָלט ניט גערופן איך צו גאָט
עס זאָל אַ נס געשען, פּול צויבער; —
ווי אַ פאַרפאַלענער ניט גלויבער
כ׳האָב ניט אַרויסגעקוקט אויף געטלעכער גענאַד,
אין זיך אַליין האָב איך אַרײַנגעפּליסטערט נאָר:
זײַ מאָטל פעסט, זײַ מענלעך,
זײַ ניט מיאש זיך וואָס ס׳איז די וואָר
צו דײַן יונגן חלום גאָרנישט ענלעך,
זיי גרייט צו אַלץ וואָס דיר שטייט נאָך פאָר,
דו געפינסט זיך ערשט אין קאַריראָר
צו יענעם שלאַנגען־גרוב פון ניט געמאָלטע ליידן,
דײַן פּײַניקער וואָס ליב ער האָט צו ריידן
מיט ווערטלעך פונעם רוסישן פאָלקלאָר
און וואָס דעם גורל דײַנעם קנעט ער,
אין אַכזריות געניט,
ער האָט דיר דאָך דערקלערט
אויף שפּראַך זיין זאַפטיק־פעטער:
„דאָס איצטיקע, דאָס איז דאָך נאָר דער צוויט,
די יאַגעדעס זיי ווערן צײַטיק שפּעטער.״

עמעצער איז געוואָרן שוין פרײַ

ווי אַ סטאַדע שאָף אין נאַקעטן סטעפּ
באַפּאַלן פון וועלף, אין טויט־ציטער,
מיר זענען געליגן צוגעדריקט מיט די קעפּ
צו דער ערד, דער גראָזיק־צעבליטער,
און איבער אונדז — אַ ביקסן־געשטעפּ,
אַ הודען, אַ גרויזיק געוויטער
און ווי אַ פײַער בענגאַליש
אין דער לופט זיך צעפלויגן דער שרויט . . .

עמעצער האָט געחלשט,
עמעץ פון אונדז געוועזן איז שוין טויט,
און זײַן בלוט וואַרעם, רויט
די גראָזן געטאָן האָט באַפּאַרבן, —
ס'האָט ווי אַ טאָפּ צעשיט זיך זײַן שאַרבן
פון גיפטיקן קנײַלעכל בלײַ.

עמעצער איז געוואָרן שוין פרײַ.
איצט קומט וועמעס רײַ
פון אַלמאַכט דעם טויט צו ווערן באַגנעדיקט?

און ערגעץ אין לאַנד,
אַפּאָסטלען באַזויפטע,
אין ליגן געטויפטע,
האָבן פרום וועגן ליבשאַפט
ברודערשאַפט,
צדק
געפּרעדיקט.

קיין מאָל אַליין

איך האָב זיך קיין מאָל ניט געפילט
אַליין, אָן קיינעם ניט — אַ בודד,
אַפילו ניט דאַן ווען דער גורל, ניט מילד,
האָט מיך אַרײַנגעהוידעט
אין קאַסטן פון צעמענט,
אין די נאַקעטע, נאַסע פיר ווענט
פון דער איינצל־קאַמער;
אויך דאָרט, אין שטייניקן קלאַמער
כ׳האָב דערווײַטערט פון זיך
די גרויזיקע וואָר
הינטער דעם אײַזערנעם ריגל,
און פאַרנומען אין דמיון
דעם פויגלשן כאָר
פון וואַלדיק־היימישן היגל,
און פרײַנד האָבן אַרײַנגעשפּאַנט
אין דער וואַנט
ווי אין אַ כשוף־שפּיגל,
און זי, דורך דער אײַזערנער טיר
אינו נראה פלעג קומען צו מיר,
ניט באַמערקט פון די אכזרישע וועכטער,
און מיך ניט געלאָזט אַ רגע אַליין
אין יענער צײַט פון מידות־פאַרגיין,
ווען דער מענטש דער גערעכטער
איז געליגן אויפן דיל
אין קאַסטן פון שטיין
אַ צעטראָטענער, פאַרשוועכטער.

די גולאַג־דאָקטוירים

די אַלטעטשקע דאָקטוירים אין גולאַג,
מאָגערע פון דער גולאַג־דיעטע,
וואָס דעם בושלאַט פון אַרעסטאַנט
און פון באַראַק,
געטראָגן ווי פון „אומשטערבלעכע" דעם פראַק, —
איך געדענק זיי ציכטיקע, אָנגענומען־נעטע.

אין גולאַג־שפּיטאָלכעל ווי אַ שטאָל,
אָן רפואות, כלים, מעסערלעך צום שנײַדן
די קראַנקע לײַבער פון אַסירים־כּלל,
פלעגן זיי מיט מימרהס פון חז״ל
לינדערן זייערע ברענענדיקע לײַדן.

מיטן טויט מלחמות האָבן דאָרט געפירט
אָפט אויך בײַ דער שײַן פון אַ לוטשינע,
און די אַסירים־ליבשאַפט האָט זיי מער גערירט
פון די אָרדענס מיט וועלכע זיי באַצירט
ס'האָבן אַליין די אָפּגעטער פון דער מדינה.

אין זאָנע דורכגיין זיך
זיי פלעגן ווערדיק, יוסט,
ווי דורך די אַקאַדעמיע־אַלעעס, (ניט קרבנות)
באַשיידן, פון זייער חשיבות זיך באַוווסט,
אַז אָפּטרעטן מיט אָפּשײַ זיי דעם וועג געמוזט
ס'האָבן די נבלות אויך אין די פּאָגאָנעס.

אָ, יאָ, מ׳האָט אויף דער „גרויסער ערד״
זיי ריינגעוואַשן פון די שולדן שווערע,
אויך די הויכע טיטלען זיי צוריקגעקערט,
פון געלערנטקייט דעם מעמד און דעם ווערט,
די נעמען און די ערע.

נאָר דעמאָלט גראַדע ווען מע יובלט זיי
און מע טוט זיי ווידער אָן די טאָגע
פון די אויסדערוויילטע,
אין זייערע הערצער מיט אַ שאַרפן ווײ
פון יענער צייט טוען אַ ברי
די וווּנדן ניט פאַרהיילטע.

* * *

כאָטש זי איז שוין ווײַט
יענע פֿאַרשאָלטענע צײַט
ווען אין פֿאַרזעעניש־שלונג
מיר האָבן שיער דאָס חיות געלאָזן,

כאָטש זי איז שוין ווײַט
מיט פֿאַרגעסעניש־זאַמדן
פֿאַרווייט און פֿאַרבלאָזן,

דאָך אָפּט מאָל צו מיר
צעפּיצלטע עבֿאָס דערקלינגען פֿון דאָרט,
פֿון יענעם נסיון,
זיי טועַן אויף מיר זיך אַ טראָג
ווי די רוצחישע ראָיען
זלידנע מאָסקיטן אין טײַגע פֿאַרטאָג
פֿון מײַנע טריט
אין גראָז אויפֿגעוועקטע —

עבֿאָס פֿון יענער פֿאַרשאָלטענער צײַט,
כאָטש זי איז שוין ווײַט
מיט פֿאַרגעסעניש־זאַמד אַ
פֿאַרדעקטע.

* * *

איך האָב געהאַפּט:
די שלעכטס־לאַווע וואָס האָט
פאַרפּלייצט די ערד
זי וועט ניט אייביקן,
זיך אויסדרייען די מזל־ראָד
וועט צו מענטשן ווידער מיט גענאָד,
צו דעם וואָס צוגעהעפּט איז צו אַ גאָט,
און אויך צו דעם ניט גלייביקן.

איך האָב אין מענטש געגלויבט,
כ׳האָב אין זײַן גוטסקייט אים געזען,
אין זײַן געמיט־צעשענקעניש,
אין זיין פרײַהײַס־בענקעניש
וואָס אין אים געטליעט ניט פאַרטויבט
אויך ווען פון רשעות
געוועזן ס׳איז אַ דערטרענקעניש,
איך האָב געהאָפט:
דער אויסלייז־טאָג גענענט,
און קראַכן וועלן סוף כל סוף די ווענט
פון דער געפענקעניש.

ס'איז גרויס נאך מיין טאג

ס׳איז גרויס נאָך מײַן טאָג

רעדט מיר ניט צו
איך זאָל שוין אויף אָפּרו אַרויס,
ס׳איז נאָך ניט פּאַר מיר אין די סעדלער
ווו ס׳גייט אַ גאַנצן טאָג אויף רעדלער
פון קינדער־יאַריד און פייגל־געברויז
פון אַ שוואַרמען און ליאַרעמען,
אויף דער פרילינג־זון צו וואַרעמען
דאָס ווייכע געביין ווי די פּענסיע־לײַט,
און חלומען די פאַרגאַנגענע צײַט
און נעבטיקע פריידן . . . —
מוחל, מוחל,
איר וועט מיך ניט איבעררײדן.

מיט אַלע רירעוודיקע גלידער
איך שטעק נאָך אין הײַנט, אין הי,
ווי דער אַלטער נאָך פעסטער שמידער
בײַ זײַן בלאָזזאַק, פון גאַנץ פרי
דעם רויען ווערטער־חומר
איך מיט אייפער נאָך גלי,
און אַז זיי מײַן עלטער זאָלן ניט פאַרשעמען,
איך בייג זיי און טאַק,
אַז ווער אין די הענט וועט זיי נעמען,
זאָל דערפילן זייער וואָג.

ס׳איז גרויס נאָך מײַן טאָג,
אין צאַנקנדיק בלייכן צונטער
ער גייט נאָך ניט אונטער.

געבענטשטע מי

פֿאַר טאָקן דײַן ליד און פֿאַר שליף
ניט זאָג אַז געבליבן
קנאַפּ איז שוין צײַט דיר,
די ווערטער געשעפּטע פֿון פֿאָלקישער טיף
זויבער זיי ברודערקע, לײַטער,
אַרויסברענגען קענען זאָלסט ווי אין אַ בריוו
קלאָר יעדן מיין און באַגריף,
און אָנצינדן אויך פֿון געפֿילן אַ שײַטער.

קנעט זיי, מאַך האַרט זיי, געפּרעסט
אַז אין געבײַ אין וועלכן אויסלייגן
זיי ווי ציגל צו ציגל דו וועסט,
זאָלן אין ליד דײַנעם שטעקן זיי פֿעסט
און האָבן דײַן סימן וואָס איז
דיר אַליין אייגן.

מי זיך, ווי פֿונעם באַגין
זיך מידט ביז שפּעט אָוונט די בין,
קיין יום טובלער מאַך זיך, קיין פֿרײַ־טעג,
ביז זײַן עס וועט צײַטיק
אין זיי און באַטײַטיק
דער אויפֿגעוויירענער זין
ווי אָנגעווירן מיט סאָקן
ס׳איז דער מאַראַנץ פֿון די סעדער
באַרימטע עין גדר,
אַז ווער פֿון דער גאָלדענער פּרוכט

דעם ריח און זיסקייט פֿאַרזוכט
ווערט אויפֿגעמונטערט, ווערט הײַטער.

ניט זאָג אַז צו טאָקן דײַן ליד
קנאַפּ שוין געבליבן איז צײַט דיר.

פֿאַרשפּילט אַ טאָג

פֿאַרשפּילט אַ טאָג דו האָסט באַנײַס,
אַ גרויסן טאָג פֿאַרטאַכלעוועט לײַכטזיניק.
פֿאַרברענגנדיק אין דײַן הוליאַקעס־קרײַז
לויט אײַער הוליאַקעם־מנהג.

די מוסר־רייד וואָס ס'האָט דײַן רבי שטרענג
אַרײַנגערעדט אין דיר אַמאָל, פֿאַרגעסן האָסט מסתמא,
אַז יעדער טאָג איז אין דײַן עלטער אַ געשענק,
און מיען זיך דאַרפֿסט צווינגען די נשמה,

זי זאָל פֿון טיפֿן איר פֿאַרמעג
אַרויפֿברענגען אַן אויפֿהער אויף די אויבערפֿלאַכן,
האָסט ניט קיין רעכט מיט די געשענקטע טעג
פֿאַרשווענדעריש צו זײַן אויף הבל־זאַכן.

און דו דערלויבסט זיך עס. וואָס איז געשען ?
אַ גאַנצן טאָג ביסטו אַרומגעגאַנגען בטול
און גליווערן געלאָזט אין טײַנטערל די פּען,
דעם פֿאַרבן־טאָפּ, די פּענדזלען און דײַן דלאָטל,
דו האָסט פֿאַרגעסן, מאָטל,
אַז ביסט שוין מער ניט יענער כוואַט,
אַז ווי דער אָסיען־בוים
באַלד אַלע בלעטלעך אָפּגעטרעסעט.
אָט איז אַ טאָג פֿאַרבײַ און אויפֿן טיש דאָס בלאַט
ליגט אומבאַרירט, אַן מינדסטן סליאַד, —
אַקעגן זיך אַליין באַגייסטו אַ פֿאַרראַט
פֿאַר וועלכן וועסט קיין רעכט האָבן אויף חסד.

צום טיש צוגעשמידט

מײַן נשמה צום טיש צוגעשמידט
איז מיט מיר און ניט צום צעשיידן;
גלײַך מיט מיר זי פון יינגווייז זיך מידט,
מיטן פלאַם פון גערעכט זי מיך בריט,
פון אַ לײַגנדיק וואָרט זי מיך היט,
די שותּפות — אַ ברכה פאַרביידן.

צו דער שווערער דיכטערשער מי,
זינט איר האָבן זיך ציינדלער געשניטן,
זי געוווינט האָב איך אויפצושטיין פרי,
און מיט מיר איז אין חלום־לאַנד זי
אויף מײַן זשוואָווע פערדל געריטן.

און כאָטש אין מײַן נײַגער־געלאָף
כ׳האָב ווײַט מיך אין עלטער פאַרקליבן,
איז זי ווי אַ וואַכנדיק עוף
וואָס זינגט פון באַגינען — כּי טוב!
וואַכנדיק יונג מיר געבליבן.

דעם נײַגער, די גליסטונג, דעם דראַנג
און די תּמימות אויך האָט פאַרהיט זי;
איצט וועקט זי שוין מיך צו געזאַנג,
פאַרזיגלען געפיל און געדאַנק
כ׳זאָל מיט אייגענעם נוסח און גאַנג
ניט לויט אַ גרייטער מאַטריצע.

קיין מאָל איר ווילן איך ניט פאַרשווער.
מיר די מי איז מיט איר ניט קיין מיקע;
און זי וועט ניט פאַרלאָזן דעם צער
ביז קומען ס׳וועט גאָט נאָך איר דער
און אים אָפּנעמען, כ׳גלויב,
בנשיקה.

מענטשן איך גלויב

ברוך השם, —
מיט מיחוש פֿאַרשפּרייטן אַט דעם
וואָס מע רופֿט פּאַראַנאָיע,
ניט געטראָפֿן איך בין,
עס ווייסט ניט מיין זין
פֿון פֿאַרדאַכטן דעם נאָג און דעם נאָיע,
און מענטשן איך גלויב,
זיי מײַן האַרץ איך געטרויע,
און פֿון מײַן געמיט דעם מהות,
כאָטש צו מיין גרויסן פֿאַרדרוס
בין איך אַ מאָל זיך אויך טועה.

יאָ, מענטשן איך גלויב,
מיך פֿרייט ווען איך זע דורך מיין שויב
צו מיין שוועל זיי גענענענדיק שפּרײַזן,
און ווען זיי נעמען אין לויב
מיר זייער פֿריינדשאַפֿט באַווײַזן,
אויפֿריכטיק־מילד די נשמה צעפֿראַלט,
פֿאָלט מיר ניט אײַן
אַז פֿון יענער זײַט ווערטער
אַן אַנדער געשטאַלט
ווי הינטער אַ שילד זיך באַהאַלט
וואָס טראַכטן ער טראַכט גאָר פֿאַרקערטער.

דאָס ביכל

אַרויסלאָזן דאָס ביכל פון האַנט
בין ניט געווען איך אין שטאַנד,
ס׳האָט מיט היימיש־באַקאַנטע גערוכן
פאַרשמעקט, און מיט אומקלאָרן זוכן
פון עפּעס אַן אומקלאָרן גאָט,
כאָטש ניט ווי יענע וואָס לויט דער מאָדע
האָבן מיט פלײַס און התמדה
פאַרגאָטיקט די דיכטונג,
מיט רזין דרזין, מיט סוד.
און ס׳האָט פאַרשמעקט מיט בענקעניש בלויער,
צוגעפּראַוועט מיט אַ קאַפּעלע טרויער
וויפל מע דאַרף — צום געשמאַק,
און מיט ליבשאַפט — דק מן הדק
פון אַ דין־כליפּיקן פידל,
און מיט קריצעניש אויך פון אַ רידל,
פּשוטע ווערטער ווי אין אַ בריוו
פון אַן אַלטן בריוונשטעלער,
כאָטש דאָס איז ניט גראַדע קיין פעלער,
ווען ביזן לעצטן שליף
היט אָפּ דער שאַפער
יעדן טראָפ און מעטאַפאָר
און די פאַרב אין דער מאָס.

יאָ, אַ ביכל איז דאָס
אין וועלכן אַלץ איז געראָטן,
די טרער און דער שמוך,

די פרייד און דער סקרוך,
דאָס ליכט און דער שאָטן
שטרענג לויט די פּאַטיק-געבאָטן.

פֿאַר וואָס זשע נאָך דעם וואָס איך האָב
פֿון דעם לידער-וואַלד
צום ראַנד זיך דערקליבן,
זענען אַלע רעטענישן וואָס גליען אין קאָפּ
אָן אַ באַשייד געבליבן?

* * *

אַרבעט האָב איך נאָך אַ באַרג,
פּליכטן, פּלענער, וואָס פֿון קאַרק
כ׳וויל ניט און איך קען ניט
אין אַ ווינקל זיי פֿאַרוואַרפֿן,
זיי איך וועל נאָך הײַנט
מתקן זײַן באַדאַרפֿן,
כאָטש קאָפּ אין וואַנט זיך שלאָג,
איידער ס׳הויכט דעם אָטעם אויס דער טאָג
ווי אַ גאַנדז צענהרגט
אויף פֿעלדז אַ מעסער־שאַרפֿן
נאָך לאַנגן איבערפֿלי.

איך האָב געמיינט אַז ס׳איז נאָך פֿרי,
און כ׳וועל באַווײַזן נאָך
אַ פּרק נאָך אַ פּרק
אַלצדינג אָפּטאָן ווי געהעריק,
מיר האָט געדוכט: כ׳האָב נאָך פֿאַר זיך
אַ טאָג אַ גרויסן,
און ניט באַמערקט
כאָטש איך קיין רגע רו מיר ניט דערלויב,
ווען אָפּגעשימערט די שקיעה האָט אין שויב
און גענומען טונקלען ס׳האָט אין דרויסן.

* * *

נאַכט.
פון אַ בלעטל מע הערט ניט קיין שאָרך,
און ניט פון די אײַליקע אויטאָס דעם שנאָרך
וואָס שלײַפן
אויף גאַסן־אַספאַלט זייערע רייפן.
אַלע לאָדנס פאַרמאַכט
וויזאַווי אין די שטיבער,
נאָר דאָס האַרץ מײַנס נאָך וואַכט,
וואָס עפּעס אַ טראַכטונג האָט ניט דערטראַכט
צו אַ ניט פאַרענדיקטן חיבור;
ס׳וואַכט די פען אויפן טיש
און דער חומר־געמיש
וואָס מײַן זעונג און צוועק זאָל ער שטימען,
אַז געבן אים זאָל איך דעם לעצטן קנעט,
און פון דעם וואָס אין וועלטל געשעט
און מיט דעם מענטש אין זײַן לויף־געוועט
צו גליק און צו רו — זאָל עס ווי אַ סימן
איבער צײַטן דערשווימען,
ביז דעם טומאַניקן גרענעצן־זוים,
נאָך וועלכן אַלצדינג וועט זײַן ווי אין טרוים
וואָס מיר אַ לעבן לאַנג שפּינען.

כ׳האָב קיין מאָל ניט געלײַגט

כ׳האָב קיין מאָל ניט געלײַגט אין לידער,
וועגן זיך און וועגן אײַך, וועגן דער וועלט,
געזאָגט וואָס מיר עס איז אין איר דערווידער,
און וואָס מיר ליב איז, מיר געפעלט
און מיך אויך סע באַזעלט.

וועגן עלנט ניט געזינגען אין אַ ווייך געלעגער,
אַ זאַטער וועגן הונגער ניט גערעדט,
די האַנט ניט אויפגעהויבן ווי אַ פּאַקנטרעגער
אויף דער פּרוי — ווי איינער אַ פּאַעט,
וואָס באַלד דערנאָך און פול כוונה
אין סטראָפן ווי אַ גינגאָלד־רעם
ער פּאַסט אַרײַן די פּרוי ווי אַן איקאָנע.
און ביי די וואָס האָבן דיכטונג ליב
נעמט אויס ער גראַדע מיט מאָטיוו אַ דעם . . .

זיי גייט ניט אָן — אַ צדיק איז דער דיכטער,
צי גאָר אַן אײַנגעטונקענער אין זינד,
צי האָט ער נאָך אויך אַנדערע געזיכטער
ווי דאָס וואָס זיך אין ליד געפינט,
זיי זענען ניט, פון זיין באַנעמען זיך, קיין ריכטער,
זיי גייט נאָר אָן צי פון זײַן ליד געלינדט
זייער ווייטיק ווערט אין זייער אַליינקייט,
זיי גייט נאָר אָן דער צויבער פון דער שיינקייט
וואָס די נשמה ווערט פון איר אַרומגעשפּינט.

איר האָט מיך געפרעגט

איר האָט מיך געפרעגט צי שונאים איך האָב, —
פּיקט פון דאָן דער פרעג אין מײַן קאָפּ.
ער קומט אָן אַ סוף מיר אין זינען.
צי דען בין איך רײַך ווי אַ פּערסישער שאַך . . .
צי שלמות דערגרייכט אין פּאָעטישן פאַך,
צי אַ גאָלדענעם קוואַל כ׳האָב געפינען.
מע זאָל מיר מײַן גוטס ניט פאַרגינען ?

עמעצן האָב איך די זון דען פאַרשטעלט ?
צי טאָן עפּעס גוטס אַ חבר פאַרפעלט ?
אָפּגעשלאָגן בײַ װעמען אַ פרוי כ׳האָב, אַ ליבע
ווי אַ ים־פויגל פאַסט, אַ הפקר־מאַטראָס, —
פאַר וואָס דאַרף איך שונאים האָבן, פאַר וואָס ?
קען שנאה דען זײַן אָן אַ סיבה ?

בין אין די אויגן איך עמעצן גרויס ?
סײַדן דער גראָבקייט, וואָס זי מײַד איך אויס
ווי אַ פאַרשמאַלצטן יונגאַטש פון דער בוינע,
אָ, איך פון איך מיט מיגל זיך היט,
אַז ניט פאַרבריזגען זי זאָל מײַן געמיט —
איז אפשר אין איר כ׳האָב אַ שונא ?

בלימעלע יאַקיר

צום דערשיינען פון איר
ערשטלינג בכורים־דערציילונגען

נאָך ניט אַנענדיק אין דיר
דעם ווערדיקן פאַרבײַט
וואָס וועט צעפינקלען זיך אַמאָל מיט אַלע חנען,
בײַ דײַן בעטעלע, דו זאָלסט ניט וויינען,
כ׳האָב דיך מיט קונצן אַלערליי צעשטרײַט,
מיט מעשהלעך, דו ביסט ניט מיד געוואָרן הערן,
צו וועלכע פלעגסט אַליין אָפט צוטראַכטן דעם סוף,
די גוטסקייט, ווי פאַרדינט באַלוינט זאָל ווערן,
דאָס בייזע — ניט אויסמײַדן די שטראָף.

ווען איז דאָס געווען ? — אויף מײַן
אַמאַליקער טשופרינע,
ווען האָבן אַזויפיל שנייען אָנגעשיט ?
און איצט, מיט אַזאַ ערנסט־מינע,
מעשהלעך דיר אָנגעווייטע פון דער שכינה,
דו דערציילסט שוין מיר — אויסגעשפּינענע געניט,
מעשהלעך אויסגעוואָרעמטע אין דײַן געמיט,
דערציילסט, דערציילסט, — געצוימט און אײַנגעהאַלטן,
און אין די פעלדלעך פון הומאָר,
פון זיך אַליין טוסטו דײַן צער באַהאַלטן,
צער פון דעם וואָס איז געשען
אין קינדהײַט פון דײַן דור,
זאָרג פאַר דעם וואָס ווידער
אים שטייט, חלילה, פאָר.

מעשיות, מעשיות,
זיי מיט הנאָה הער איך;
מיר קלינגען ניַי זיי,
כאָטש אַלץ אין זיי באַקאַנט,
אין זיי דערקען איך אַ באַנעם, אַ דרך,
יעדער קער און װענד גוט אויסגעפּלאַנט.

און װאָס מיך פרייט און אָנגענעם צו װיסן!
דו האָסט פון שורש זיך ניט אָפּגעריסן,
ניט אָפּגעפרעמדט געװאָרן,
אַז
דו ביסט מיט אַלע פיבערן סװעטלאַנאַ בת,
די טאָכטער יידישע,
װאָס פון די ד' אַמות
פון דער היים, האָט מיטגענומען אין דער װעלט,
די האָפנונגען, די שמחות און די דראַמעס,
און אויב ניט אויף דער שפּראַך דער מאַמעס,
דו שפּינסט דיַין חלום,
(אין אים ביסט אויך דער העלד),
יידיש אָבער זיַין גערוך און טעם איז,
װאָס אייניקע פון מיינע ברידער יידיש־שריַיבער
פעלט.

דיר װוּנטש איך בלימעלע: צעבלימען
דיין גאָב נאָך בלימיקער זאָל זיך,
אַז כ'האָב דיך ליב דאָס ליד איז דאָך אַ סימן,
װאָס צו דעם באַגיַיסטערט
דיין בכורים־ספר'ל האָט מיך. קעשענעװ 1970

ווען איך שטיי אויף דער בינע

איך בין ניט קיין פחדן
און אויב האָסט מיך וויינען איין מאָל געזען,
איז ניט פון שרעק דאָס געווען
פאַר די וואָלקולאַקן אין בלאָ־רויטע היטלען,
און אויך ניט פון שרעק
פאַר דעם אַפּאָקאַליפּטישן עק
וווהין דער גורל אַוועק
וועט מיך שליטלען,
(אָן אַ רײַזע־בילעט)
די אומקום־געגנט העט־העט
איבער בערג, איבער ימען, —

געזעגנט כ׳האָב זיך מיט מײַן מאַמען
און דאָס האַרץ האָט געזאָגט מיר:
לעולם ועד!

איך בין ניט קן פחדן!
און כאָטש אין די מוסקלען ניט קיין אַטלעט,
איז מיר געראָטן אַלע קלעמען אַריבער,
אַלע ווירבלען און קעסלגריבער
אויף מײַן יסורים־מאַרשרוט
אין מלכות פון שד

אָבער, ווען איך שטיי אויף דער בינע
פאַר אַן עולם אויפּטרעטן גרייט,
טוט פלוצעם דאָס בלוט אין געפעסן אַ כלינע

משוגענערהייט,
ווי אויף דער ווענדקע אַ פיש
דאָס האַרץ נעמט זיך ווארפן,
און גלייך אַ תהום איך וואָלט דאַרפן
אַריבערגיין אויף אַ שטריק
די בינע זיך נעמט מיט מיר דרייען.
און מתפלל בין איך
געראָטן זאָל מיר אין הערצער
דעם גליוּוער צעווייען,
די אילוזיע וועקן פון גליק,
צעווייען פון זאָרגן די כמארעס,
ווי אין מיר אַליין
דאָס טוט אָפּט אַ סטראַדיוואַריוס
באַהעפט מיט אַ געטלעך־באַגײַסטערטן סמיק.

דער חכמה־קאַטעכיזיס

פון אַ קלוב כ׳האָב אומגעקערט זיך שפּעט
ווו מיט אַ לאַנגוויַיליקן קול פון אַ מאַגיסטער
האָט עמעץ לאַנג און מיט אַפּלאָמב גערעדט
וועגן חכמת הנסתר.

פאַרנודעט כ׳בין פון זיַין געפּלויש געווען,
אומזיסט אַ שיינעם אָוונט כ׳האָב געפּטרט,
כ׳וואָלט בעסער שוין געגאַנגען
אַ שטיקל שונד צו זען
אין אַרטיקן טעאַטער.

דאָרט איך וואָלט, לפּחות, מיט דער שפּיל
פון די קאָמעדיאַנטן זיך געקוויקט
מיט זייערע וויצן
און קופּלעטן וואָס טרעפן אינעם ציל
מיט די שאַרפע חוזק־שפּיצן . . .

אויך מיך דער חשק טוט אַ מאָל אַ ברען,
דעם טאָן אַ פּרווו צו טאָן פון כפירה,
דורכלויכטן די נשמות מיטן וואָרט־רענטגען
פון די צבועקעס־אירע,
וואָס זאָלבן זיך מיט אהבת ישראל־מירע, —
און אַנשאַרפן אַקעגן זיי מיַין ליריש־דינע פּען
אין שאַרפשטיין פון סאַטירע,

און געגאַנגען כ׳בין ניט אין טעאַטער, נאָר
אין קלוב, מיט חכמה זיך אָננעמען אַ ביסל,
זאַכן אומקלאָרע זאָלן מיר ווערן קלאָר
און קריגן צום פאַרבאָרגענעם דעם שליסל.

און דאָס צו וואָס איך האָב געוואָלט דערגיין,
ווי געווען פאַרהוילן מיר געבליבן איז עס; —
כ׳וועל מאָרגן אויפשטיין פרי און פּרוּוון שוין אַליין
אַריינקוקן אין חכמה־קאַטעכיזיס.

איך בין קיין צדיק ניט געווען

איך בין קיין צדיק ניט געווען,
און אויב דורכלײַכטן מײַן נשמה,
אויך אַן די שטראַלן פון רענטגען
געפינען אויף איר דנאָ מע קען
ניט איין פגמעלע מיסתמא.

דאָך לעבן האָב איך זיך באַמיט
לויט די מידות און געבאָטן
וואָס ס׳האָט אין מיר
אַרײַנגעטריפט אַ גוטער ייד —
דער טאַטע מײַנער מיטן זײַדענעם געמיט,
אין ווענען, ווי מע זאָגט
איך בין מיט אַלץ געראָטן.

איך בין קיין צדיק ניט געווען,
קען זײַן אַן עוולה ווען
מיט דער צונג באַגאַנגען און דער פען,
נאָר פון אַרומיקן געשען,
אין ראַנגל כ׳בין ניט אָפּגעטראָטן,
און פון מענטשן ניט געוויכט,
און ווען געווען ס׳איז זיי ניט לײַכט
ניט באַהאַלטן זיך אין שאָטן.

ווען מיר זאָגט וואָס איר ווילט,
נאָר מײַן געמיט האָב איך אַנטהילט,
און מײַן לעבן אויסגעשפּילט
לויט אייגענע, פײַערדיקע נאָטן.

אין טאָג פון 12טן אויגוסט

אין אָט דעם טאָג ווען דערשטיקט
ס׳האָט דער קאַט מיט זײַן שטאָלענעם אָרעם
יענע וואָס האָבן אַ דור
מיט זייער זינגען געקוויקט,
און אין הערצער די גרויסע האָפנונג צעוויגט,
אין אָט דעם טאָג וועק איך זיי פון די קברים
וואָס קיינער ניט ווייסט זייער אָרט,
און איך רוף זיי פון דאָרט —
ערנגעסט אויף אונדזער אָכפּערונגס־פּאָרום.

קומט, פאַרנעמט בײַם טיש אײַער אָרט
וואָס פאַרנעמען ס׳האָט קיינער די העזה,
קומט, צינדט אָן מיט באַגייסטערטן וואָרט
אין וועלכן ס׳איז בליציקע חכמה
מיט שיינקייט געפּאָרט
אין גראַם און אין פּראָזע.

קומט און זעט: די צײַט ניט פאַרשיט
האָט די סטעזשקע צו אײַך
מיט פאַרגעסעניש־שטויבן;
אײַערע קוואַלן דאָס פאָלק
מיט ליבשאַפט פאַרהיט —
יניקה פאַרן געמיט
פון ליבשאַפט, האָפענונג, גלויבן.

אין אײַערע קוואַלנס לויטערן פלוס

טוען מיר די קעפּ אַ פּאַרנורע,
שוועקען אויס די נשמות אין אײַער העלן מהות,
ווערדיק צו זײַן ווײַטער צו טראָגן
אײַער מענטשלעך־צעזינגענע בשורה.

טרויער ניט, זינגער

טרויער ניט, זינגער!
מיט פֿאַרצאַפּלטע פֿינגער
דײַן בוך וועט נאָך עמעצער פֿאָרט
אין שטילער אָוונט־שעה מישן,
און דערהערן זיך אַליין אין דײַן וואָרט,
און דערקענען אין דײַנעם זײַן טרוים,
וואָס דו האָסט געטרוימט ווען געוואַכט
בײַ נאַכט אויף דײַן קישן.
און אים זײַן ס׳וועט אַ פּלא־געטראַנק
וואָס לייזט אויף אין געבליטן
דעם גליוועָר,
און אַ פּתרון צו אַ געדאַנק
וואָס געדריקט ער האָט
אויף אים לאַנג
ווי אַן אײַזערנער קיווער.
אויב פֿון מי, מעת לעת נאָך מעת לעת,
ביסט אַפֿילו פֿאַרמאַטערט,
היט דאָס זשאַר אין דײַן פֿײַער־געפֿעס,
ביז ס׳וועט זיך צעשײַנען ווי נס
דײַן וואָרט — דו זײַ ניט מוותר.
ניט שווין זיך, און לייג ניט אַרויס
פֿון די הענט דײַנע העמערלעך, דלאָטן.

עמעץ,
זאָל זײַן אַן איינציקער בלויז,
וועט דיך בענטשן אַמאָל,

וואָס אין זײַן האַרץ
האָסט פֿון ייִאוש צעווייט
דעם קלעפּיקן שאָטן.

אינהאַלט

מה טובו

7 דרײַסיק ליכטיאָר
9 מיר זענען יונג געווען
11 אין אָפּשייד־שעה
12 אין מײַן שטוב אויף דער וואַנט
14 דערינערונגס־פּיין
16 די ערשטע
18 אַרכעאָלאָגן
21 איך וועל בלײַבן שוין דאָ
23 פרי־פרילינג
25 אַוודאי וואָלט איך וועלן
27 מה טובו
29 מײַן אייניק לערנט חומש שוין
31 מײַן טרויעריקע היים
33 דו זאָגסט מיר מיידו סערדצע
35 די יונגע באַשיצער
37 כ׳האָב אַליין דאָס געזען
39 אַ ברעקעלע ערד
40 ווען זענען זיי געוואָרן גרויס
42 די פרוי אין פענצטער
44 וואָס מער מײַן אומרו וועקט
46 דער צפון־שטערן
48 פאַר וועלכע זינד
50 איין זאַך כ׳בין זיך מודה

51 עס קלינגט דער טעלעפאָן
53 אַלע טאג כבין מתפלל
54 דער קריג אָן אַ טאָלק
55 זעקס הונדערט
58 דער אַלטער מנהיג
61 און איר וואָס האָט דעם מאָן
63 מלך, מלך
65 דראַקאָנען
67 מיט באַנייטער שיינקייט
68 פאַר וואָס קומט ניט דער נביא

א שפור אויפן וועג

71 דו פרעגסט
74 דער בלודנע זון
77 דער מאָן אין אַפגעטראגענעם קלייד
79 זכיה
81 דער דיכטער
83 דער פאָרטרעט
85 מאַנגערס לעצטע זעונג
91 האַלבנאַכט־איבערלעבונג
93 ביינאַכט, נאָך חצות
95 קינדהייט־זעונגען
97 אנהייב ערע
99 סעלינזשער
101 די אַטלעס־שוואַרצע קראַ
102 מיינע גוטע פריינד

104 די צײַט רוקט זיך עפּעס שנעלער
106 אין לויטערער התגלות
108 אַ שפּור אויפֿן וועג

דער אויסקוואַל פֿון נגון

113 אין גרינעם קאַנט
115 אויף אַלע ברייטן פֿון גלאָבוס
117 מײַן טאַטנס פּאַרזאַג
119 קינדווײַז כ׳בין ביי טאַטע־מאַמע
120 מײַן מומע
124 מײַן עצה
125 דו זאָלסט זיך אויפֿן דעמב פֿאַרקוקן
126 מײַן פֿאַרגרעסער־גלאָז
128 באַטיושקאַ איסײַ

ליבשאַפֿט און עקידות

163 געווען אַפּריל ס׳איז דאָן
165 אַ צווייגעלע בעז
166 געדוכט האָט זיך
167 דער מלאך
169 אילוזיע
171 די רייד פֿון מײַן פּרוי
173 אומזיסטער רוגז
175 קראַנק בין איך
176 איין מאָל אין אַ שיינעם טאָג
178 איך שרעק מיך ניט

179 אַ מענטש אַ ניכטערער איך בין
180 א מאל פאַרגעס איך
182 עלטער
184 וויפל מאָל אין יומטובדיקע זאַלן
186 ס'האָט מײַן פייניקער גערעדט
188 אויף דער אויספּאַרשונג
189 עמעצער איז געווען שוין פרײַ
190 קיין מאָל אַליין
191 די גולאַג־דאָקטוירים

ס'איז גרויס נאך מיין טאג

197 ס'איז גרויס נאָך מײַן טאָג
198 געבענטשטע מי
200 פאַרשפּילט אַ טאָג
201 צום טיש צוגעשמידט
203 מענטשן איך גלויב
204 דאָס ביכל
207 נאַכט
208 כ'האָב קיין מאָל ניט געלײַגט
209 איר האָט מיך געפרעגט
210 בלימעלע יאַקיר
212 ווען איך שטיי אויף דער בינע
214 דער חכמה־קאַטעכיזיס
216 איך בין קיין צדיק ניט געווען
217 אין טאָג פון 12טן אויגוסט
219 טרויער ניט זינגער